בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

ברסלב

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּארְ'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ

תש"פ

היכל הקודש

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| **היכל הקודש וויליאמסבורג**<br>Heichal Hakodesh Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>718-384-1652 | **היכל הקודש בארא פארק**<br>Heichal Hakodesh Boro Park<br>1011 41 Street<br>718-384-1652 |
| **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>845-467-5299 | **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>845-243-0563 |
| **היכל הקודש בלומינגראוו**<br>Heichal Hakodesh Blominggrove<br>24 Merriewold Ln S<br>845-379-1161 | **היכל הקודש מאנסי**<br>Heichal Hakodesh Monsey<br>32 Dolson Rd.<br>347-733-7551 |

**Visit Our Web Site:**
**www.BreslevCenter.com**

**צו הערן די הערליכע שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט**

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

## חיזוק צום טיר!

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים סידי'ס, USB'ס, און נאך;
דעליווערט צו אייער טיר! רופט אריין: 347-509-4908

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְחַזֵק נָאךְ דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע שִׂיסֶעֲרַיי אִין דְזְשֶׁעְרסִי סִיטִי?..........א

פַאְרוָואס וֶוער אִיךְ נִישְׁט גֶעהָאלְפְֿן אֲפִילוּ נָאכְ'ן בֶּעטְן?..........ב

וִוי אַזוֹי קְרִיךְ אִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיינֶע עֶקְלְדִיגֶע תַּאֲווֹת?..........ד

זָאל אִיךְ מַאכְן לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס?..........ז

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר מִיט נִסְיוֹנוֹת, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְן?..........ח

פַאְרוָואס הָאט מוֹהֲרָ"א'שׁ גֶעלִיטְן אַזוֹיפִיל צָרוֹת?..........י

וֶועלְכֶע שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן קְרִיאַת שְׁמַע אוּן תִּיקוּן חֲצוֹת לָאזְט מֶען אוֹיס שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב?..........יג

דַארְף אִיךְ עֶפֶּעס טוּן וֶוען אִיךְ הֶער וִוי דֶער שָׁכֵן קְרִיגְט זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים?..........יד


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


אִיךְ וַוארְט אוּן קוּק אַרוֹיס אוֹיפְ'ן "שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת - שַׁבָּת סִיּוּם הַשַּׁ"ס"..א

זַיי מַקְפִּיד אוֹיף נֶעגְל וַואסֶער..........א

לָאז דַיין וַוייבּ גֵיין צְנִיעוּת'דִיג..........ב

מְ'דַארְף רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן נָאר פְּשׁוּטֶע דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה...........ג

מְ'רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן סְ'וֶוערְט גְרִינְגֶער...........ד

אַ קִינְד וֵוייְנְט צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען פַארְ'שִׁיכּוֹרְ'ט אִינֶעם טֶעלֶעפָאן..........ה

מַיין נְסִיעָה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל..........ה

מַאךְ הֲפָצָה פַאר כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט...........ו

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן...........ז

פְּרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם..................................ז

זוּךְ נִישְׁט קַיין חוּמְרוֹת, אָבֶער זַיי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. .....................ח

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ מַאכְן שִׁידוּכִים........................ט

שַׁאפְן אַ זַאל פַאר דִי סְקוּל פְּלֶעי'...............................י

פַארְוָואס שְׁטַאמְלְט דָאס קִינְד.................................י

דוּ זָאלְסְט מַאכְן טֶערֶעפִּי מִיטְ'ן טֶערֶעפִּיסְט.......................... יא

אוֹיף עֲבֵירוֹת בַּאקוּמְט מֶען בִּיטֶערֶע עוֹנְשִׁים. ...................... יג

רֶעד צוּ דַיין מַאמֶע מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ.................................יד

נָאר קוּקְן גוּט אוֹיף אַלֶעמֶען. ............................... טו

מַאכְט פְרֵיילִיךְ אֵייעֶר מַאן. ...............................טז

רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַ צְוֵייטְן......................................יז

ס'אִיז אַ חוֹב אוֹיפְ'ן מְלַמֵד צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין הֵיילִיג.....יח

זִיךְ נִישְׁט שְׁטֶעכְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵייטְן..................................כ

בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר אוֹיךְ מוֹחֵל זַיין..............כא

נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי וַוייט מֶען אִיז גֶעפַאלְן קֶען מֶען שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק
קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן............................................כב

דִי כֵּלִי צוּ מְקַבֵּל זַיין אַלֶע בְּרָכוֹת אִיז "שָׁלוֹם". .........................כד

פַארְוָואס קָאסְט דֶער שַׁבָּת אַסַאךְ גֶעלְט?.............................כו

דֶער רֶבִּי זָאל דִיר זַיין אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין הַארְץ...............................כז

זַיי זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט אַ גוּטֶער חַבֵר. ...............................כז

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דַארְפְן זִיךְ לִיבּ הָאבְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵייטְן...............כח

דִי בְּלַאט גְמָרָא וֶועט דִיר גֶעבְן לֶעבְּן.................................כט

הֵייבּ אָן לֶערְנֶען שַׁ"ס..........................................ל

נָאר תּוֹרָה וֶועט דִיר מַאכְן שְׁפִּירְן צוּפְרִידְן.................................לא

אִיךְ קֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן שַׁ"ס.........................לא

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְחַזֵּק נָאךְ דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע שִׁיסֶעְרֵיי אִין דְזְשֶׁערְסִי סִיטִי?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן אַבִּיסְל חִיזּוּק וֶוערְטֶער נָאךְ דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע שִׁיסֶעְרֵיי אוּן טְרַאגֶעדְיֶע וָואס הָאט פַּאסִירְט לֶעצְטְנְס אִין דְזְשֶׁערְסִי סִיטִי?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ה כִּסְלֵיו, א׳ דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ט, יב): ״כִּי גַּם לֹא יֵדַע הָאָדָם אֶת עִתּוֹ כַּדָּגִים שֶׁנֶּאֱחָזִים בִּמְצוֹדָה רָעָה, וְכַצִּפֳּרִים הָאֲחֻזוֹת בַּפָּח כָּהֵם יוּקָשִׁים בְּנֵי הָאָדָם לְעֵת רָעָה כְּשֶׁתִּפּוֹל עֲלֵיהֶם פִּתְאֹם״, דַרְשְׁ׳עֶנֶען אוֹיף דֶעם דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (סַנְהֶדְרִין פא:): ״מַאי מְצוֹדָה רָעָה? אָמַר רֵישׁ לָקִישׁ: ״חַכָּה״, רַשִׁ״י גֶעבְּט צוּ פַאַרְשְׁטֵיין, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע נֶעץ, נָאר דָאס אִיז אַ שְׁוַואכֶע קְלֵיינְטְשִׁיגֶע הֶעקֶעלֶע וָואס דִי פִּישׁ קֶענֶען נִישְׁט בַּאמֶערְקְן, אַזוֹי כַאפְּט עֶס אַרַיין אִין זִיךְ פְּלוּצְלִינְג גְרוֹיסֶע פִישְׁן. אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען מִיר צוּגֶעגְלִיכְן צוּ פִישׁ, מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט וִוי אִינְמִיטְן וַואסֶער, אוּן אַזוֹי וִוי אִין וַואסֶער קוּמֶען פִישׁ כַאפֶּערְס אוּן פַאנְגֶען פִישׁ - יֶעדֶע מָאל וֶוערְט

פַארְכאַפְּט נָאךְ און נָאךְ פִּישׁ, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוערְן יֶעדְן טָאג פְּלוֹצְלִינְג אַוֶועק גֶענוּמֶען מֶענְטְשְׁן פון דֶער וֶועלְט; קֵיינֶער נֶעמְט נִישְׁט אַרוֹיס דֶערְפוּן אַ מוּסָר הַשְׂכֵּל אַרַיין צוּ טְרַאכְטְן: 'עֶס קֶען דָאךְ צוּ מִיר פַּאסִירְן דָאס זֶעלְבֶּע', מֶען פָּאפְּט זִיךְ אַלֵיינְס אָפּ מִיטְ'ן טְרַאכְטְן: 'דָאס פַּאסִירְט נָאר מִיט אַנְדֶערֶע, אָבֶּער אִיךְ וֶועל קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁטַארְבְּן'.

וֶוען עֶס פַּאסִירְט אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶע דַארְף דָאס גֶעבְּן אַ קִיצְל דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען דַארְף זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען: 'וָואס וֶועל אִיךְ מִיט נֶעמֶען מִיט מִיר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט?' פוּן אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען לוֹיפְט נָאךְ בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער, נָאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה, דָאס נֶעמְט מֶען מִיט זִיךְ. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזְרְ'ן וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק טו): "לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת, הֵם הַמְּלַוִּים אוֹתוֹ עַד שֶׁיַּגִּיעַ לְבֵית עוֹלָמוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר שְׁמוּעֶסְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס בַּאגְלֵייט אִים צוּ זַיין אֵייבִּיגֶע רוּ.

וֶוען מֶען הֶערְט אַזֶעלְכֶע שׂוֹידֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת דַארְף דָאס גֶעבְּן אַ שְׁטֶעל אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען דַארְף זִיךְ פְרֶעגְן: 'וָואס וֶועל אִיךְ מִיט נֶעמֶען מִיט מִיר?' חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ו, ט): "לְפִי שֶׁבִּשְׁעַת פְּטִירָתוֹ שֶׁל אָדָם, אֵין מְלַוִּין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת, אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבָד", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט בְּלַייבְּט דִי גַאנְצֶע גֶעלְט אוּן זִילְבֶּערְנֶע כֵּלִים וְכוּ' וְכוּ' אִין שְׁטוּב אוּן מֶען נֶעמְט גָארְנִישְׁט מִיט, נָאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה.

וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט מִיט דֶעם מַחֲשָׁבָה, עֶר חַזְרְ'ט זִיךְ יֶעדְן טָאג: 'אֵיין טָאג וֶועל אִיךְ אִיבֶּער לָאזְן דִי וֶועלְט, עֶס וֶועט פוּן מִיר גָארְנִישְׁט אִיבֶּער בְּלַייבְּן נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וָואס אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג; נָאר דִי פְּרָקִים מִשְׁנָיּוֹת אוּן דַפִּים גְּמָרָא וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג - דָאס וֶועט מִיר בַּאגְלֵייטְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט'.

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

### פַארְוָואס וֶוער אִיךְ נִישְׁט גֶעהָאלְפְן אֲפִילוּ נָאכְ'ן בֶּעטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ דִי חִיזוּקִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ פָּאלְגְן וָואס אִיךְ הֶער אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן עֶס מְקַיֵּים צוּ זַיין.

עֶס קוּמְט מִיר נִישְׁט אָן גְרִינְג, אָבֶּער אִיךְ שְׁטְרֶענְג זִיךְ אָן צוּ וֶוערְן מֶער עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל, אָבֶּער עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז אַסַאךְ מָאל בֶּעט אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעוִויסֶע זַאכְן אוּן אִיךְ זֶע נִישְׁט אַז אִיךְ זָאל וֶוערְן גֶעהָאלְפְן. בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פַּרְנָסָה, אִיךְ בֶּעט אוּן אִיךְ בֶּעט אַזוֹי סַאךְ אוֹיף דֶעם, אוּן אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה, אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן אִיךְ זֶע נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָנְנֶעמֶען מַיינֶע תְּפִלּוֹת.

אִיךְ פַּארְשְׁטֵיי אַז דָאס אִיז מַיין נִסָּיוֹן, אוּן אִיךְ טָאר זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, אָבֶּער בִּיז וִוי לַאנְג נָאךְ וֶועל אִיךְ דַארְפְן וַוארְטְן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ו כִּסְלֵיו, ב׳ דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אֱמֶת דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ זֵייעֶר, דוּ אַרְבֶּעסְט בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ קֶענֶען בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט אַרַיין טְרַאכְטְן אוּן צוּרִיק קוּקְן דִי אַלֶע יָארְן: וֶוער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן לֶעבְּן? וֶוער הָאט דִיר מְפַרְנֵס גֶעוֶוען בִּיז אַהֶער? וֶועסְטוּ זֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס דַיינֶע תְּפִלּוֹת אוּן גֶעבְּט דִיר לֶעבְּן.

אַ מֶענְטְשׁ מָשְׁלְ'ט זִיךְ אוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים אוֹיסְהֶערְן אוּן אִים גֶעבְּן אַ פֶּעקְל גֶעלְט פוּן מִילְיָאן דָאלֶער, (בֶּאֱמֶת קֶען מֶען דָאס אוֹיךְ בַּאקוּמֶען דוּרְךְ תְּפִלָּה); מֶען שְׁטֵייט אוּן מֶען וַוארְט וֶוען וֶועט אַרָאפְּפַאלְן אַ פֶּעקְל אִין דִי סוּמֶע פוּן כַּךְ וְכַךְ גֶעלְט אוּן מֶען וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז עֶס קוּמְט נִישְׁט אָן, אָבֶּער מֶען כַאפְּט נִישְׁט אוּן מֶען לֵייגְט נִישְׁט צוּ קָאפּ אַז לְמַעֲשֶׂה לֶעבְּט מֶען וַוייטֶער אוּן מֶען גֵייט אָן מִיט'ן לֶעבְּן; מֶען הָאט עֶסְן יֶעדְן טָאג, דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער הָאבְּן עֶסְן, וֶוער גֶעבְּט דָאס אַלֶעס? וֶוער בְּרֶענְגְט דָאס אַלֶעס? דָאס קוּמְט אַלֶעס פוּן דִי תְּפִלּוֹת וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זָאג נִישְׁט: ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט נִישְׁט אוֹיס מַיינֶע תְּפִלּוֹת״, זָאג נִישְׁט: ״אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה״; קוּק אוֹיף צוּרִיק וֶועסְטוּ זֶען וִוי

יֶעדֶע תְּפִילָה וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֶערְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי עֶסְן אוּן דִי קְלֵיידֶער בִּיז אַהֶער הָאט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזְרְ'ן דֶעם וָוארְט פוּן הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס עֶר טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (שְׁמוֹת לג, כג): "וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ", אַז אַ מֶענְטְשׁ וויל זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווי אַזוֹי עֶר וֶועט אִים הֶעלְפְן - דָאס קֶען מֶען נִישְׁט זֶען, אָבֶּער אַז מֶען קוּקְט צוּרִיק זֶעט מֶען ווי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט עֶר: "וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי" - קוּק אוֹיף צוּרִיק, וֶועסְטוּ מִיר קֶענֶען זֶען, קוּק וָואס פַאר אַ חֲסָדִים אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן מִיט דִיר בִּיז יֶעצְט, וֶועסְטוּ מִיר זֶען; אָבֶּער "וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ" - וָואס וֶועט זַיין? ווי אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן דִי יְשׁוּעָה? דָאס וֵוייסְט מֶען נִישְׁט אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט זֶען פוּן פָארְאוֹיס, מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אוּן וַוארְטְן, הָאפְן אוּן בֶּעטְן.

זַיי מְכַבֵּד דַיין וַוייבּ אוּן רֶעד צוּ אִיר שֵׁיין; זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁרֵייעְן אוֹיף אִיר, אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען אוּן טְשֶׁעפֶּען, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֲשִׁירוּת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סט): "עִקַּר הָעֲשִׁירוּת עַל יְדֵי הָאִשָּׁה", דִי גַאנְצֶע פַּרְנָסָה קוּמְט בִּזְכוּת דִי פְרוֹי, אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין רַייךְ; זוּךְ נִישְׁט צוּ זַיין גֶערֶעכְט, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס קְרִיגְן זִיךְ טָאג אוּן נַאכְט. עֶנְדֶערְשׁ גֶעבּ נָאךְ ווי אֵיידֶער זַיין גֶערֶעכְט.

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

### ווי אַזוֹי קְרִיךְ אִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיינֶע עֶקְלְדִיגֶע תַּאֲווֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ שֶׁעם זִיךְ זֵייעֶר צוּ פְרֶעגְן מַיין שְׁאֵלָה, אָבֶּער אִיךְ ווייס אַז פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מֶען אַלֶעס פְרֶעגְן, וֶועל אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן בֶּעטְן אַן עֵצָה אוֹיף מַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטַארְקֶע תַּאֲוָה צוּ קוּקְן אוֹיף זִיסֶע יוּנְגֶע בָּחוּרִים אוּן קִינְדֶער, אִיךְ טוּ נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת בָּרוּךְ ה', אָבֶּער אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן פוּן קוּקְן.

וֶוען אִיךְ גֵיי אִין מִקְוֶה קֶען אִיךְ מַמָּשׁ זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, אִיךְ מוּז קוּקְן וואוּ מְ'טָאר נִישְׁט. אִיךְ רֶעד נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם אוּן אִיךְ טוּ גָארְנִישְׁט, אָבֶּער אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן

פון קוקן. איך האב נישט קיין מעגליכקייט צו גיין אין מקוה ווען ס'איז ליידיג, און איך טראכט אז אפשר זאל איך אויפהערן צו גיין אין מקוה בכלל?

איך בעט דעם אייבערשטן איך זאל זיך קענען מתגבר זיין, און איך זאג משניות, אבער וואס טו איך ביז דערווייל?

אויך וויל איך וויסן ווען עס פאסירט א מקרה לילה רחמנא ליצלן אינמיטן די נאכט, אויב דארף מען גלייך לויפן אין מקוה אדער מ'קעןווארטן ביז אינדערפרי.

יישר כח.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ"ו כִּסְלֵיו, ב' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

וָואס מֵיינְסְטוּ צוּ זָאגְן: "אִיךְ טוּ נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת"? קוּקְן אִיז נִישְׁט קַיין עֲבֵירָה? טְרַאכְטְן פוּן נִיאוּף אִיז נִישְׁט קַיין עֲבֵירָה? חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא כט.): "הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה קָשִׁים מֵעֲבֵירָה", טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת אִיז נָאךְ עֶרְגֶער פוּן טוּן עֲבֵירוֹת, ווייל דֶער מֶענְטְשׁ בְּרֶענְגְט זִיךְ צוּ טוּן עֲבֵירוֹת; אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן קוּמְט מֶען צוּ טְרַאכְטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס בִּיז מֶען פַאלְט אַרָאפּ אוּן מֶען וֶוערְט טָמֵא, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (סוֹטָה ח.): "אֵין יֵצֶר הָרָע שׁוֹלֵט אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת", דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז מַצְלִיחַ אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ נָאר אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן; אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן וַוארְפְט עֶר אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן.

נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (עַיֵּין בַּמִּדְבָּר רַבָּה י, ב; תַּנְחוּמָא שְׁלַח, טו): "עֵינָא וְלִבָּא תְּרֵי סַרְסוּרֵי דַעֲבֵירָה", דִי אוֹיגְן אוּן דִי הַארְץ זֶענֶען דִי סֶעלְסְלַייט (מֶעקְלֶער) צוּ עֲבֵירוֹת, "עַיִן רוֹאֶה", עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן אַז מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת, "וְהַלֵּב חוֹמֵד", נָאכְדֶעם גְלוּסְט מֶען צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, "וּכְלֵי הַמַּעֲשֶׂה גּוֹמְרִים", בִּיז מֶען פַאלְט אַרָאפּ, מֶען זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִצְלָן; דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי אוֹיגְן, נִישְׁט צוּ קוּקְן קַיין שׁוּם קוּק וָואס בְּרֶענְגְט צוּ טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת.

אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר אַז דוּ בִּיסְט נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין דִי מַחֲלָה פוּן קוּקְן וְכוּ'; דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים כח, לד): "וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר

תִּרְאֶה", זָאגְט מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם, מֶען זֶעט מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אַזוֹי מְשׁוּגָע, מֶען זִיצְט שָׁעוֹת אִין מִקְוֶה קוּקֶנְדִיג אוֹיף בָּחוּרִים, אוֹיךְ קֶען מֶען זֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ קְרַאנְק אִין קָאפּ, שְׁטֵייעֶן אוּן קוּקְן אוֹיף יוּנְגֶע בָּחוּרִים וְכוּ׳, וְכוּ׳, בִּיז מֶען פַּאלְט אַרָאפּ אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; זוּךְ דִיר אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר, בֶּעט אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן אוּן נִישְׁט קוּקְן קַיין עֲבֵירוֹת, אָבֶּער וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפּ פַּאלְן? אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט, דִי תַּאֲוַת נִיאוּף פְּלַאקֶערְט אִין מִיר, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶועט מִיר, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַּאלְן. אִיךְ זוּךְ צוּ קוּקְן אוֹיף (זָאג אַרוֹיס פַּאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דוּ קוּקְסְט) אוּן נָאכְדֶעם פַּאל אִיךְ דוּרְךְ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית – הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, מַמָּשׁ דֶער לֶעבְּן אִיז מִיר נִמְאָס.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; יֶעדֶעס מָאל זָאג אִיךְ דִיר צוּ אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט אוּן נָאכְדֶעם פַּאל אִיךְ נָאכְאַמָאל אַרַיין אִין מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אִיךְ בִּין אַזוֹי קְרַאנְק צוּ קוּקְן אוֹיף ... (זָאג אַרוֹיס פַּאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דוּ קוּקְסְט) אַז אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן; אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, לֵייג אַרַיין אִין מִיר אַ רוּחַ טָהֳרָה אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּקְן קַיין שְׁלֶעכְטְס אוּן נִישְׁט טוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט אִים בֶּעטְן עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וֶועגְן מִקְוֶה וְכוּ׳; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "דָאס עֶרְשְׁטֶע אִיז מִקְוֶה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא)"; וֶוען מֶען ווִיל מְתַקֵּן זַיין וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּפְגַם הַבְּרִית אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ 'מִקְוֶה'. דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ גֵיין ווִי פְרִיעֶר אִין מִקְוֶה וֶועסְטוּ אַרָאפּ נֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן כב): "עַל יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת, וִישׁוּעָה בָּאָה", אַז מֶען טוֹבְל'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה אִיז מֶען מְבַטֵּל אַלֶע צָרוֹת אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַ יְשׁוּעָה.

נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן פא): "הַמִּקְוֶה מַמְתִּיק הַדִּין", אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה נֶעמְט מֶען אַוֶועק אַלֶע דִינִים; גֵיי אִין מִקְוֶה וִוי פְרִיעֶר גְלַייךְ וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע נִיסִים.

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

## זָאל אִיךְ מַאכְן לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּז זִיךְ קוֹדֶם בַּאדַאנְקֶען פַאר'ן מִיר גֶעבְּן לֶעבְּן, זַייט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי שִׁיעוּרִים בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ. אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶע'חָלוֹמְ'ט אַז דִי תּוֹרָה הָאט עֶפֶּעס מִיט מִיר, אִיךְ אַרְבֶּעט שְׁוֶוער אַ גַאנְצְן טָאג, אָבֶּער יֶעצְט בִּין אִיךְ בָּרוּךְ ה' זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסַאךְ תּוֹרָה, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז דִי תּוֹרָה בַּאלַאנְגְט פַאר מִיר, פּוּנְקְט וִוי פַאר'ן רָב פוּן שְׁטָאט.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאלְטְן וֶועגְן מַאכְן "לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס" [בִּיטוּחַ חַיִּים]. אִיז עֶס אַן אִיבְּרִיגֶע זַאךְ, אָדֶער אֶפְשָׁר גָאר אַ חִסָּרוֹן אִין אֱמוּנָה?

אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעמַאכְט אַפָּאר יָאר צוּרִיק, דַארְף אִיךְ עֶס מְבַטֵל זַיין?

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ו כִּסְלֵיו, ב' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי בֶּעסְטֶע אִינְשׁוּרֶענְס אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה! חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין פב.) דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי נְהוֹרָאִי זָאגְט, "מַנִּיחַ אֲנִי כָּל אֻמָּנוּת שֶׁבָּעוֹלָם וְאֵינִי מְלַמֵּד אֶת בְּנִי אֶלָּא תּוֹרָה", אִיךְ לֶערְן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער תּוֹרָה, אִיךְ לֶערְן זֵיי נִישְׁט אוֹיס קֵיין אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעט, "כְּשֶׁאָדָם בָּא לִידֵי חֹלִי אוֹ לִידֵי זִקְנָה אוֹ לִידֵי יִסּוּרִין וְאֵינוֹ יָכוֹל לַעֲסוֹק בִּמְלַאכְתּוֹ, הֲרֵי הוּא מֵת בְּרָעָב", וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט קְרַאנְק,

אָדֶער וָוען מֶען וֶוערְט אַלְט, אָדֶער וֶוען מֶען הָאט שְׁוֶוערֶע יִסוּרִים מֶען קֶען נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, שְׁטַארְבְּט מֶען פוּן הוּנְגֶער, "אֲבָל הַתּוֹרָה אֵינָהּ כֵּן", אָבֶער וָוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז נִישְׁט אַזוֹי, "אֶלָּא מְשַׁמַּרְתּוֹ מִכָּל רַע בְּנַעֲרוּתוֹ", דִי תּוֹרָה הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, "וְנוֹתֶנֶת לוֹ אַחֲרִית וְתִקְוָה בְּזִקְנוּתוֹ", אוּן עֶס גֶעבְּט כֹּחַ אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן.

גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן דִי אַלֶע וָואס ווילְן אַרוֹיס נֶעמֶען גֶעלְט פוּן דִיר מִיט זֵייעֶרֶע זִיסֶע רֵייד וְכוּ' וְכוּ', לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ וְכוּ'; לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס אִיז נִישְׁט קַיין חִסָּרוֹן אִין אֱמוּנָה עֶס אִיז אַ חִסָּרוֹן אִין חָכְמָה, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס אוּן עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ', עֶנְדֶערְשׁ גְרֵייט זִיךְ אָן מִיט פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא - וֶועסְטוּ הָאבְּן פַאר דִיר אַ גוּט לֶעבְּן אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן וָואס אִיבֶּער צוּ לָאזְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, אַזוֹי ווִי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד כו): "בְּיִרְאַת ה'", לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "מִבְטַח עֹז", אִיז אַ שְׁטַארְקֶע פַארְזִיכֶערוּנְג, "וּלְבָנָיו", אוּן פַאר זַיינֶע קִינְדֶער, "יִהְיֶה מַחְסֶה", וֶועט עֶר זַיין אַ בַּאשִׁיצוּנְג; דִי קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ פַארְזִיכֶערְן מִיט דִי זְכוּתִים פוּן טַאטֶע'ן.

נֶעם דִי אִינְשׁוּרֶענְס וָואס מֶען גֶענִיסְט פוּן "מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין", וֶועסְטוּ הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח): "לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פָּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם", מֶען זָאל יֶעדֶע וָואךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין צְוֵויי מָאל דִי חוּמָשׁ אוּן אֵיין מָאל דֶעם תַּרְגוּם, "שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", ווַייל וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים; דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע אִינְשׁוּרֶענְס פַאר אֲרִיכוּת יָמִים אוּן דָאס רַאטֶעוֶועט אַ מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

### אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר מִיט נִסְיוֹנוֹת, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין חַתּוּנָה הָאבְּן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, חִיזוּק אוּן עֵצוֹת, וָואס הֶעלְפְט מִיר כְּסֵדֶר אִין מַיין לֶעבְּן. אִיךְ הַאלְט שׁוֹין בָּרוּךְ ה' בַּיים אַכְטְן מָאל מִשְׁנַיוֹת, אוּן דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שִׂמְחַת

תּוֹרָה הָאב איך זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּים זַיין חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אִין לֶעבְּן. אָן דִי חִיזּוּק פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ וֵוייס אִיךְ נִישְׁט ווִי אַזוֹי אִיךְ וָואלְט הַיינְט אוֹיסְגֶעזֶען.

אִיךְ בִּין 21 יָאר אַלְט, אוּן אִיךְ לֶערְן אִין אַ יְשִׁיבָה פַאר עֶלְטֶערֶע בָּחוּרִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַסַאךְ בָּחוּרִים הָאבְּן דָארְט סְמַארְטפָאוּנְס אָן אַ פִילְטֶער, אוּן אִיךְ הָאב כְּסֵדֶר אַ שְׁטַארְקֶע נִסָּיוֹן אוֹיךְ זִיךְ צוּ קוֹיפְן אַ סְמַארְטְפָאוּן, ווִי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ דֶערוֹיף?

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אַז אִיךְ הָאב נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁידּוּךְ, אִיךְ בִּין כְּסֵדֶר מִתְפַּלֵּל אוֹיף דֶעם, אִיךְ זָאג יֶעדְן טָאג דִי קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים מִיט דִי תְּפִלּוֹת פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אָבֶער אִין דִי לֶעצְטֶע צְווֵיי יָאר הָאט מֶען מִיר נִישְׁט אָנְגֶעטְרָאגְן מֶער פוּן דְרֵיי פִיר שִׁידּוּכִים, אַנְדֶערְשׁ ווִי בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערֶע בְּרִידֶער וֶוען שַׁדְכָנִים הָאבְּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רוּפְן.

אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען מַאכְן אַז מַיין שִׁידּוּךְ זָאל שׁוֹין אָנְקוּמֶען ווִי שְׁנֶעלֶער?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ז' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

מַיין הַארְץ גֵייט מִיר אוֹיס פַאר דִיר, אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אוֹיס דַיין וֵוייטָאג; דִי וֵוייטָאג פוּן בָּחוּרִים וָואס וַוארְטְן אוֹיף זֵייעֶר שִׁידּוּךְ אִיז אֵין לְשַׁעֵר, עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא וֵוייטָאג ווִי דִי וֵוייטָאג פוּן בָּחוּרִים וָואס וַוארְטְן אוּן הָאפְן יֶעדְן טָאג יֶעדֶע מִינוּט מֶען זָאל זֵיי אָנְטְרָאגְן אַ שִׁידּוּךְ; זֵיי ווִילְן לֶעבְּן אַ הֵיילִיגֶע לֶעבְּן, זַיין הֵיילִיג בִּקְדֻשַּׁת הַיְסוֹד אוּן עֶס גֵייט זֵיי נִישְׁט, זֵיי פַאלְן אַרָאפּ אָן אַ שִׁיעוּר.

דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הָאב נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוּן תַּרְעוֹמוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט נָאךְ נִישְׁט דַיין שִׁידּוּךְ; זָאלְסְט וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וַוייל נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער וָואס מַאכְט שִׁידּוּכִים. דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן שִׁידּוּכִים אִיז אַ פַארְבָּארְגֶענֶע זַאךְ, עֶס אִיז פַארְהוֹילְן פוּן אַלֶעמֶען, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וֶוען, מִיט וֶועם וְכוּ' וְכוּ', דָאס לִיגְט נָאר אִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הֶענְט. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): "מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים

וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִוּוּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא״, מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי תּוֹרָה אוּן נְבִיאִים אוּן אִין כְּתוּבִים אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, נ): ״וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל, וַיֹּאמְרוּ, מֵה׳ יָצָא הַדָּבָר״, אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): ״וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵה׳ הִיא״, אוּן אִין כְּתוּבִים שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, יד): ״בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת, וּמֵה׳ אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת״, זֶעעֶן מִיר אִיבֶּערָאל אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ׳ן בַּאשֶׁעפֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק; נֶעם נִישְׁט קַיין סְמַארְטְפָאוּן וְכַדוֹמֶה לָזֶה, גֵיי נִישְׁט נָאךְ דִי חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן סְמַארְטְפָאוּנְס וְכַדוֹמֶה לָזֶה. אִין דֶעם זְכוּת וָואס דוּ וֶועסְט הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט קוּקְן קַיין עֲבֵירוֹת וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן פז): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית פַּארְלִירְט עֶר זַיין שִׁידוּךְ, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין אַ שִׁידוּךְ, מֶען אִיז שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוֹיבּ מֶען זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית פַּארְלִירְט מֶען דִי שִׁידוּךְ, מֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן קְרִיגְן אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שְׁלוֹם בַּיִת, ווִידֶער אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען פַארְרֶעכְט וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, דֶעמָאלְט טְרֶעפְט מֶען דִי שִׁידוּךְ אוּן מֶען לֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן.

אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין שׁוּם כְּלִי וָואס מֶען קֶען זֶען אוֹיף דֶעם עֶקֶלְדִיגֶע בִּילְדֶער פוּן עֲבֵירוֹת וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן הָאבְּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, דִי שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ.

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## פַארְוָואס הָאט מוֹהֲרָא״ש גֶעלִיטְן אַזוֹיפִיל צָרוֹת?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַסַאךְ פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז אוֹיבּ מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן הָאט מֶען אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן. פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאבּ אִיךְ אָבֶּער גֶעלֵיינְט אַ בְּרִיוו וואוּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט אִיבֶּער דִי צָרוֹת וָואס מוֹהֲרָא"ש ז"ע הָאט גֶעלִיטְן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן פַארְוָואס אַזַא אֵיינֶער וִוי מוֹהֲרָא"ש - וָואס אִיז גֶעוֶוען אֵיין שְׁטִיק הִתְבּוֹדְדוּת אוּן אֵיין שְׁטִיק הֲפָצָה אוּן אֵיין שְׁטִיק פוּן אַלֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן - פַארְוָואס הָאט עֶר גֶעהַאט אַ לֶעבְּן פוּן

צָרוֹת?

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר דָאס אוֹיסְקְלָארְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ז׳ דַּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיר זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַז צַדִיקִים זָאלְן לַיידְן דוּרְכְאוֹיס זֵייעֶר לֶעבְּן אַלֶע שְׁוֶוערֶע יִסוּרִים אוּן צָרוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז דָאס מַסְבִּיר בַּאֲרִיכוּת (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִילִּין הֲלָכָה ה׳, אוֹת כז-כח): "יֵשׁ צַדִּיקִים גְּדוֹלִים כָּל כַּךְ שֶׁאֵין צְרִיכִין סִיּוּעַ מִלְּעֵילָּא וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִתְנַהֵג עִמָּהֶם בַּתְּחִלָּה בְּמִדַּת הַדִּין וְהֵם עוֹמְדִים בְּכָל הַנִּסְיוֹנוֹת וְסוֹבְלִים כָּל מִינֵי יִסּוּרִים וְצָרוֹת הַנִּמְשָׁכִין מִמִּדַּת הַדִּין", עֶס זֶענֶען דָא גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס לַיידְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, "וְנִשְׁאָרִים עַל עָמְדָם, עַד שֶׁזּוֹכִין לְמַה שֶּׁזּוֹכִין", אוּן דִי צַדִיקִים דֶערְהַאלְטְן זִיךְ, זֵיי בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט זֵייעֶר וֶועג בִּיז זֵיי זֶענֶען זוֹכֶה צוּ וָואס זֵיי זֶענֶען זוֹכֶה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים יא, ה): "ה׳ צַדִּיק יִבְחָן", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט אוֹיס דִי צַדִיקִים.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה לב, ג): "הַיּוֹצֵר הַזֶּה אֵינוֹ בּוֹדֵק קַנְקַנִּים מְרוֹעָעִים", דֶער טֶעפֶּער וָואס מַאכְט טֶעפּ, וֶוען עֶר ווִיל בַּאקוּקְן דִי טֶעפּ אוֹיבּ עֶס אִיז גֶענוּג שְׁטַארְק, קְלַאפְּט עֶר נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁוַואכֶע טֶעפּ, "וּמָה הוּא בּוֹדֵק? בְּקַנְקַנִּים יָפִים", עֶר קְלַאפְּט אוֹיף דִי שְׁטַארְקֶע טֶעפּ, "שֶׁאֲפִלּוּ מַקִּישׁ עֲלֵיהֶם כַּמָּה פְּעָמִים אֵינָם נִשְׁבָּרִים", וִויפִיל עֶר קְלַאפְּט אוֹיף זֵיי צֶעבְּרֶעכְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט, "כָּךְ אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְנַסֶּה אֶלָּא אֶת הַצַּדִּיקִים", אַזוֹי טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט דִי צַדִיקִים, עֶר קְלַאפְּט אוֹיף זֵיי צוּ זֶען אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן. דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי יוֹסִי זָאגְט: "הַפִּשְׁתָּנִי הַזֶּה, בְּשָׁעָה שֶׁהוּא יוֹדֵעַ שֶׁהַפִּשְׁתָּן שֶׁלּוֹ יָפָה, כָּל שֶׁהוּא כּוֹתְשָׁהּ הִיא מִשְׁתַּבַּחַת, וְכָל זְמַן שֶׁהוּא מַקִּישׁ עָלֶיהָ הִיא מִשְׁתַּמֶּנֶת", וֶוען מֶען הָאט גוּטֶע פְלַאקְס דֶעמָאלְט קֶען מֶען דָאס גוּט אוֹיסְקְלַאפְּן, וַוייל וִוי מֶער מֶען קְלַאפְּט דָאס אוֹיס וֶוערְן זֵיי בֶּעסֶער אוּן פֶעטֶער, "וּבְשָׁעָה שֶׁהוּא יוֹדֵעַ שֶׁהַפִּשְׁתָּן שֶׁלּוֹ רָעָה,

אֵינוֹ מַסְפִּיק לָקוּשׁ עָלֶיהָ אַחַת עַד שֶׁהִיא פּוֹקַעַת", וָוען מֶען הָאט שְׁוַואכֶע סְחוֹרָה קֶען מֶען נִישְׁט קְלַאפְּן אוֹיף זֵיי וַוייל זֵיי וֶוערְן אִינְגַאנְצְן צֶעהַאקְט, "כָּךְ אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְנַסֶּה אֶלָּא אֶת הַצַּדִּיקִים", אַזוֹי טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט צַדִּיקִים, עֶר קְלַאפְּט אוֹיף זֵיי וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז זֵיי וֶועלְן וֶוערְן מֶער נָאנְט צוּ אִים אוּן זֵיי וֶועלְן וֶוערְן מֶער בָּטֵל צוּ אִים. נָאךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר אַ מָשָׁל צוּ אַ בַּעַל הַבַּיִת וָואס הָאט צְוֵויי קוּעֶן, אַ שְׁוַואכֶע קוּ אוּן אַ שְׁטַארְקֶע קוּ, "עַל מִי הוּא נוֹתֵן אֶת הָעֹל, לֹא עַל זֹאת שֶׁכֹּחָהּ יָפֶה?" אוֹיף וֶועלְכֶע קוּ לֵייגְט דֶער בַּעַל הַבַּיִת אַרוֹיף דִי יָאךְ? זִיכֶער אוֹיף דִי שְׁטַארְקֶע קוּ, "כָּךְ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְנַסֶּה אֶת הַצַּדִּיקִים", אַזוֹי מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר נֶעמְט דִי צַדִּיקִים אוּן זֵיי פְּרוּבִּירְט עֶר אוֹיס, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים יא, ה): "ה' צַדִּיק יִבְחָן".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קע): "כָּל אֶחָד לְפִי נִשְׁמָתוֹ וּלְפִי עֲבוֹדָתוֹ כָּךְ יֵשׁ לוֹ יִסּוּרִים", יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט וִוי גְרוֹיס עֶר אִיז אוּן לוֹיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער יִסּוּרִים, "יֵשׁ שֶׁיֵּשׁ לוֹ יִסּוּרִים מִבָּנָיו וּמֵאָבִיו וּמִשָּׁכֵן", עֶס זֶענֶען דָא וָואס לַיידְן פוּן דִי קִינְדֶער, פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן פוּן שְׁכֵנִים, "וְיֵשׁ שֶׁהוּא בְּמַדְרֵגָה גְּדוֹלָה מִמֶּנּוּ וְיֵשׁ לוֹ יִסּוּרִים מִשְּׁכֵנִים רְחוֹקִים", נָאכְדֶעם אִיז פַארְהַאן אֵיינֶער וָואס אִיז אִין אַ גְרֶעסֶערֶע מַדְרֵיגָה, עֶר לַיידְט אוֹיךְ פוּן וַוייטֶע שְׁכֵנִים, "וְיֵשׁ גָּדוֹל מִמֶּנּוּ וְיֵשׁ לוֹ יִסּוּרִים מִכָּל הָעִיר", נָאכְדֶעם אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶער צַדִּיק וָואס לַיידְט פוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט, "וְיֵשׁ גָּדוֹל מְאֹד וְיֵשׁ לוֹ יִסּוּרִים מִכָּל הָעוֹלָם", נָאכְדֶעם אִיז דָא גָאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק וָואס לַיידְט פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; דָאס אִיז גֶעוֶוען מִיט מוֹהֲרָא"שׁ, אַלֶע הָאבְּן גֶעשְׁפֶּעט פוּן אִים; מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקֶענְט אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען הָאבְּן חוֹזֶק גֶעמַאכְט אוּן גֶערֶעדְט אוֹיף אִים.

וָואס מִיר דַארְפְן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן דִי צַדִּיקִים, אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַּאלְן אוּן צֶעשָׁאסְן וָוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער; דֶער צַדִּיק בְּלַייבְּט שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְק מִיט זַיין אֱמוּנָה. דַארְפְן מִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה וָוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, מוֹהֲרָא"שׁ'ס שֵׁיינְקֵייט אִיז גֶעוֶוען אַז וִוי מֶער עֶר אִיז אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע יִסּוּרִים הָאט עֶר אַלְץ מֶער בַּאלַאכְטְן דִי וֶועלְט מִיט זַיינֶע עֵצוֹת אוּן חִיזּוּקִים, עֶר הָאט לִיכְטִיג גֶעמַאכְט פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס אַ צַדִּיק אִיז, מִיר זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין אַ צַדִּיק וָואס אִיז אִינְגַאנְצְן בָּטֵל וּמְבוּטָל פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיר דַארְפְן

זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּקִים וָואס דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים הָאבְּן אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אוּן גֵיין אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## וֶועלְכֶע שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן קְרִיאַת שְׁמַע אוּן תִּיקוּן חֲצוֹת לָאזְט מֶען אוֹיס שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ יֶעצְט מְסַיֵים גֶעוֶוען גַאנְץ יְרוּשַׁלְמִי, אוֹיסֶער דִי פִילֶע שִׁיעוּרִים וָואס אִיךְ לֶערְן כְּסֵדֶר אוּן דִי פִילֶע סִיוּמִים. אִיךְ לוֹיבּ אוּן אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט מִיר אַז אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דִי נוּמֶער פוּן "קוֹל בְּרֶסְלֶב" אוּן אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן פוּן דֶעמָאלְט בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אִיבֶּער קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִטָה שֶׁל הָאֲרִיזַ"ל אוּן תִּיקוּן חֲצוֹת, וֶועלְכֶע שְׁטִיקְלֶעךְ מְ'זָאגְט נִישְׁט אוּם שַׁבָּת, יוֹם טוֹב אוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ. אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיבּ מְ'מֶעג זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת פַאר חֲצוֹת, אוּן אוֹיבּ יָא פוּן וִויפִיל אַזֵייגֶער?

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ז' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרַאְ״שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג מְעוֹרֵר זַיין דִי תַּלְמִידִים מֶען זָאל לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִיטָה עַל פִּי נוּסַח אֲרִיזַ״ל אוּן זָאגְן דֶעם סֵדֶר הַוִידוּי, וַוייל רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִטָה, הֲלָכָה ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע בַּיינַאכְט פַאר עֶר גֵייט שְׁלָאפְן אוּן אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה - ״אֵינוֹ זָז מִשָׁם עַד שֶׁמוֹחֲלִין לוֹ״, אִיז מֶען

אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

אַז מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה פַאר׳ן שְׁלָאפְן וַוייסְט מֶען אַז מֶען וֶועט צוּרִיק גֶעבְּן דִי נְשָׁמָה מִיט תְּשׁוּבָה, וַוייל וֶוער וַוייסְט דֶען צִי הַיינְט אִיז דִי לֶעצְטֶע נַאכְט וָואס מֶען הָאט נָאךְ אִין לֶעבְּן, אֶפְשָׁר וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיק נֶעמֶען דִי נְשָׁמָה אִינְמִיטְן שְׁלָאפְן; וֶועט זַיין אַ טוֹבָה פַאר דִי נְשָׁמָה אַז מֶען הָאט זִיךְ מִתְוַודֶה גֶעוֶוען פַאר׳ן שְׁלָאפְן גֵיין.

בְּנוֹגֵעַ זָאגְן וִידּוּי שַׁבָּת וְכוּ׳; שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב זָאגְט מֶען נִישְׁט קַיין וִידּוּי, מֶען זָאגְט נָאר דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן קְרִיאַת שְׁמַע בִּיז ״כִּי אַתָּה ה׳ מַחְסִי״; אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט בַּיי זִיךְ: ׳אֶפְשָׁר אִיז הַיינְט מַיין לֶעצְטֶע טָאג?׳ עֶר גֵייט שְׁלָאפְן מִיט דִי מַחֲשָׁבָה: ׳אֶפְשָׁר גֵיי אִיךְ יֶעצְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?׳ דֶעמָאלְט אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אַזַא אֵיינֶער קֶען זָאגְן יֶעדֶע נַאכְט וִידּוּי, נִישְׁט קַיין חִילוּק שַׁבָּת אָדֶער אִינְדֶערְוָואכְן, אוּן אַזוֹי הָאט זִיךְ מוֹהֲרָא״שׁ גֶעפִירְט, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט וִידּוּי פַאר׳ן גֵיין שְׁלָאפְן; וַוייל וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט אַזַא מַחֲשָׁבָה אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק שַׁבָּת אָדֶער אִינְדֶערְוָואכְן. ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס לֶעבְּט מִיט תַּכְלִית, עֶר וַוייסְט אוּן גֶעדֶענְקְט אַז אֵיין טָאג וֶועט מֶען מוּזְן צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּנוֹגֵעַ חֲצוֹת וְכוּ׳; מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן זֶענֶען רוֹב מֶענְטְשְׁן סַיי ווִי אוֹיף בַּיי דִי צַייט פוּן חֲצוֹת, הַיינְט וֶוען עֶס אִיז דָא לֶעקְטֶער הַאלְט מֶען זִיךְ אוֹיף בִּיז שְׁפֶּעט, אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים פַאר מֶען גֵייט שְׁלָאפְן.

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## דַארְף אִיךְ עֶפֶּעס טוּן וֶוען אִיךְ הֶער ווִי דֶער שָׁכֵן קְרִיגְט זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אֵיינֶער הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז זַיינֶע פְרִישֶׁע שְׁכֵנִים, אַ שָׁנָה רִאשׁוֹנָה פָּארְפָאלְק, הָאבְּן זִיךְ אַריינְגֶעצוֹיגְן אִין זַיין בִּנְיָן, אוּן יֶעדֶע נַאכְט הֶערְט מֶען אַרוֹיס קוֹלוֹת וּבְרָקִים פוּן דָארְט, מ׳הֶערְט זָעצְן אוּן קְלַאפְּן, אוּן מ׳הֶערְט דִי פְרוֹי ווֵיינֶען זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג ווִי אַ קְלֵיין קִינְד. פוּן אִינְדְרוֹיסְן

זֶעֶן זֵיי אוֹיס ווי אַ נָארְמַאלֶע פָּארְפָּאלְק, אָבֶער ס'זֶעט אוֹיס אַז ס'טוֹיג נִישְׁט דֶער מַצָּב דָארְט.

יֶענֶער אִיז גֶעגַאנְגֶען דָאס דֶערְצֵיילְן פַּאר'ן דַיָּין פוּן דֶעם אִינְגֶערְמַאן, וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען רֶעדְן צוּם דֶעם חָתָן מַדְרִיךְ פוּנֶעם אִינְגֶערְמַאן, אָבֶער עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען אַז דֶער אִינְגֶערְמַאן זָאגְט אַז אַלֶעס אִיז פַיין.

דַארְף מֶען נָאךְ עֶפֶּעס טוּן דֶערְצוּ? אָדֶער זָאל מֶען עֶס לָאזְן לוֹיפְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ז' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוּו.

אַוַדַאי דַארְפְסְטוּ טוּן, וָואס אִיז בִּכְלַל דַיין שְׁאֵלָה?!

נֶעם אַ זֶעקֶל סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן גֵיי דֶערְמִיט אִין דִי הַייזֶער רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס הַפָּצָה אִיז אוּן וָואס מֶען רַאטֶעוֶועט אַלְץ מִיט הַפָּצָה, וְויפִיל אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער גֵייעֶן חָרוּב וְנֶחְרַב פוּן דֶעם וָואס אִינְגֶעלַייט הָאבְּן נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל ווי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט אַ וַוייבּ, אוּן מִיט אַ קוּנְטְרֵס קֶען מֶען זֵיי פָּשׁוּט אָפְּרַאטֶעוֶוען.

אַז עֶס אִיז דִיר אוּנְטֶער גֶעקוּמֶען צוּ הֶערְן פוּן דֶער נָאנְט ווי אַזוֹי עֶס זֶעט אוֹיס שְׁטִילֶערְהֵייט אִין הַייזֶער צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ וְכוּ', אִיז דָאס וַוייל פוּן הִימְל וְויל מֶען דוּ זָאלְסְט גֵיין "הַפָּצָה"; דוּ זָאלְסְט גֵיין טֵיילְן סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן סִידִי'ס פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער.

מוֹהֲרַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעשְׁרִיבְּן ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע סְפָרִים אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת וָואס אִיז שׁוֹין דָא הַיינְט אוֹיף אַפָּאר שְׁפְּרַאכְן. אִין לָשׁוֹן הַקוֹּדֶשׁ אִיז דָא: "אוֹצַר שָׁלוֹם בַּיִת", אִין אִידִישׁ אִיז דָא עֶטְלִיכֶע שֵׁיינֶע סְפָרִים: "מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ"; "מְכַבֵּד זַיין דֶעם מַאן"; "שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ"; "זִיךְ גֶט'ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה"; אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָא אִין עֶנְגְלִישׁ עֶטְלִיכֶע סְפָרִים. זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן גֵיין בַּיי דִי הַייזֶער וֶועסְטוּ לִיכְטִיג מַאכְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, דִי בְּרִיוְון פוּן מוֹהֲרַ"שׁ וָואס אִיז

מְחַזֵּק און מְעוֹדֵד יֶעדְן אֵיינֶעם. ווי צֶעבְּרָאכְן מֶען זָאל נָאר נִישְׁט זַיין וֶוערְט מֶען גֶעשְׁטַארְקְט דוּרְךְ דִי בְּרִיוֹן; אוֹיךְ אִיז דָא אִין דִי בְּרִיוֹן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן אִין שְׁטוּב אָן קַיין חוּמְרוֹת און פְּרִישׁוּת. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אוֹיף דִי וָואס לֶערְנֶען חוּמְרוֹת און פְּרִישׁוּת פַאר חֲתָנִים, אַז זֵיי זֶענֶען עָתִיד לִיתֵּן אֶת הַדִּין, זֵיי זֶענֶען גּוֹרֵם מֶען זָאל זִיךְ קְרִיגְן אִין שְׁטוּב און רוֹב גִיטִין קוּמֶען פוּן דֶעם וָואס מֶען אִיז מַדְרִיךְ מִיט פַאלְשֶׁע לִימוּדִים, זֵיי הָאבְּן אַ תַּאֲוָה צוּ זָאגְן חוּמְרוֹת פַאר אַ צְוֵוייטְן וְכוּ'; דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר שַׁארְף (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת הוֹרָאָה, סִימָן ה): "מִי שֶׁמַּחְמִיר לַאֲחֵרִים וּמֵקֵל לְעַצְמוֹ", וֶוער עֶס לֶערְנְט פַאר אַ צְוֵוייטְן חוּמְרוֹת וֶוען עֶר אַלֵיינְס אִיז וַוייט פוּן דֶעם אַלֶעם, "עַל-יְדֵי-זֶה אֵינוֹ זוֹכֶה לִרְאוֹת בְּיֹפִי הַמֶּלֶךְ", וֶועט עֶר נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה כה, ח): "אַל תְּהֵא אוֹמֵר עַל מַה שֶּׁלֹּא שָׁמַעְתָּ, שָׁמַעְתִּי, וְלֹא תְהֵא אוֹסֵר לַאֲחֵרִים וּמַתִּיר לְעַצְמוֹ, אֶלָּא יִהְיוּ יוֹצְאִין מִפִּיךְ נֶאֱמָנִין כְּשֵׁם שֶׁיָּצְאוּ מִפִּי מֹשֶׁה, וַאֲנִי מַרְאֶה לְךָ יֹפִי פָּנִים אֶל פָּנִים", עַיֵּין שָׁם; וִויפִיל אִינְגֶעלַייט פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן נָאר צוּלִיב דִי פַאלְשֶׁע חֲתָנִים און כַּלָּה טִיטְשֶׁערְס וָואס זֵיי פַארְקוֹיפְן זֵייעֶרע אֵייגֶענֶע פַארְקְרוּמְטֶע וֶועגְן?! מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן זֵיי.

אִין זְכוּת פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן פַאר אַנְדֶערֶע וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אַז מָשִׁיחַ וֶועט אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת און אוּנְז פִירְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה און אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אִיךְ וַוארְט אוּן קוּק אַרוֹיס אוֹיפְ'ן "שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת - שַׁבָּת סִיּוּם הַשַּׁ"ס"**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

בָּרוּךְ ה' אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים בְּשָׁלוֹם; אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן מִיר הֶעלְפְּן מִיט דִי נְסִיעָה, דִי וֶועגְן זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר גוּט.

אוֹיךְ אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַאר'ן אַהֶערְשְׁטֶעלְן דֶעם "שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת - שַׁבָּת סִיּוּם הַשַּׁ"ס"; אִיךְ זֶע ווִי שְׁוֶוער דוּ אַרְבֶּעסְט פַאר'ן שַׁבָּת, אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר, אִיךְ וַוארְט אוּן קוּק אַרוֹיס אוֹיפְ'ן שַׁבָּת וואוּ אַלֶע וֶועלְן זִיךְ צוּזַאמְנֶעמֶען, זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אוּנְזֶער מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן; אַ מַתָּנָה דֶעם רֶבִּי'ן, אַ מַתָּנָה רֶבִּי נָתָן, אַ מַתָּנָה מוֹהֲרָא"שׁ, אַ מַתָּנָה הִתְבּוֹדְדוּת, אַ מַתָּנָה דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד וְכוּ', וְכוּ'; מֶען וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען עֶנְדִיגְן אוֹיסְרֶעכֶענֶען וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז.

...

**זַיי מַקְפִּיד אוֹיף נֶעגְל וַואסֶער.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר ... נֵרוֹ יָאִיר.

מַזָל טוֹב פַאר דִי אָפְּשֶׁערְן פוּן דַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן זָאלְסְט זֶען נַחַת בַּיי אִים אוּן בַּיי אַלֶע קִינְדֶער גֶעזוּנְטֶערְהֵייט צוּזַאמֶען מִיט דַיין וַוייבּ

תְּחִי׳.

זַיי מַקְפִּיד אוֹיף ״נֶעגְל וַואסֶער״; פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן זָאלְסְטוּ אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער פַאר דִיר, פַאר דַיין וַוייבּ אוּן פַאר דַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר. אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַרָאפְּגֵיין פוּן בֶּעט אָן אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אָפְּגִיסְן דַיינֶע קִינְדֶער; אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ וֶוען זֵיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף זָאל דַיין וַוייבּ זֵיי אָפְּגִיסְן.

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז נֶעגְל וַואסֶער אִיז אַ נִישְׁט ווִיכְטִיגֶע זַאךְ; בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, עֶס נֶעמְט אַרוֹיס אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע אוּן בֵּייזֶע כֹּחוֹת אוּן עֶס בְּרֶענְגְט קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה.

...

**לָאז דַיין וַוייבּ גֵיין צְנִיעוּת׳דִיג.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

מִיש נִישְׁט אוֹיס דִי יוֹצְרוֹת; וֶוען אִיךְ רֶעד קֶעגְן לֶעבְּן מִיט חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת וְכוּ׳, וְכוּ׳, מֵיינְט דָאס נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען זָאל אַוֶועק וַוארְפְן דָאס צְנִיעוּת. אָךְ אוּן וֵויי פַאר דֶעם וָואס מַאכְט אַוֶועק צְנִיעוּת אוּן טוּט אָן זַיין וַוייבּ בִּגְדֵי פְּרִיצוּת, אוֹיסְגֶעשְׁנִיטְן, קוּרְץ אוּן שְׂמָאל וְכוּ׳, וְכוּ׳.

פַארְדְרֵיי נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער; דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה וָואס דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב), אַז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גֶעטְרָאגְן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן חוּץ לְיִשּׁוּב, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט דָארְט אַ טַייכְל, בֵּיימֶער אוּן פֵּירוֹת, אוּן ״אוֹיף קְלֵיידֶער הָאט מֶען גָארְנִישְׁט גֶעקוּקְט׳, וַוייל ווִי אַזוֹי מֶען גֵייט מֶען״; טַייטְשׁ דָאס נִישְׁט אוֹיס אַז דֶעם בַּעַל תְּפִילָה׳ס לֵייט הָאבְּן נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף צְנִיעוּת, חַס וְשָׁלוֹם אַזוֹי צוּ זָאגְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער תַּלְמִיד, דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ, אַ ״בֵּית פֵיגָא״ תַּלְמִידָה, זִי אִיז אַן אֵיידֶעלֶע פְרוֹי, זִי הֶערְט אוּן לֶערְנְט פוּן אוּנְזֶער מְנַהֶלֶת תְּחִי׳ ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן אַ לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט אִיר נִישְׁט אוּנְטֶער רַייסְן אוּן אַוֶועק מַאכְן אִיר צְנִיעוּת.

רוֹב מֶענֶער וֵוייסְן נִישְׁט פוּנְקְטְלִיךְ וואוּ עֶס הֵייבְט זִיךְ אָן צְנִיעוּת אוּן וואוּ עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ; לָאז אִיר פָאלְגְן אִיר מְנַהֶלֶת תְּחִי׳ וָואס לֶערְנְט מִיט זֵיי אַזוֹי שֵׁיין אוּן

אַזוֹי עֶרְלִיךְ וואו עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן צְנִיעוּת בַּיי דִי הַאלְז, בַּיי דִי עֶרְמְל אוּן בַּיי דִי פִּיס וְכוּ׳, וְכוּ׳.

דוּ וֶועסְט נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיכֶער וֶוען זִי וֶועט זִיךְ אוֹיסְשְׁנַיידְן אַרוּם דִי הַאלְז, עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט בֶּעסֶער וֶוערְן, עֶס אִיז בְּלוֹיז אַ דִמְיוֹן פַאר אַ שְׁטִיק צַייט.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דֶעם בְּרִיוו אוֹיפְ׳ן פְלִיגֶער, אוֹיפְ׳ן וֶועג אַהֵיים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; גֶעבּ אִיבֶּער פַאר אַלֶע פְרִישֶׁע אַבְרֵכִים וָואס הָאבְּן יֶעצְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אַז אִיךְ וִויל רֶעדְן מִיט זֵיי זוּנְטָאג נַאכְט בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ, זֵייעֶר וִויכְטִיג. אִיךְ וִויל אַייךְ מַדְרִיךְ זַיין וִוי אַזוֹי מוֹהֲרַא״ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט - סַיי דֶער חֵלֶק פוּן לֶעבְּן מִיט דִי וַוייבּ אָן חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת וְכוּ׳, וְכוּ׳, אוּן סַיי דִי אַנְדֶערֶע חֵלֶק, פוּן נִישְׁט זוּכְן אַוֶועק צוּ מַאכְן וָואס מֶען לֶערְנְט אִין בֵּית פִיגָא, צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אוּן אֵיידְל.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳, זַיי אִיר מְחַזֵק, רֶעד צוּ אִיר שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער אַזוֹי וִוי אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳עֶר חָסִיד רֶעדְט, אַזוֹי וִוי עֶרְלִיכֶע אִידְן רֶעדְן; וֶועסְטוּ מַאכְן אַ פְּלַאץ בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ פַאר הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת.

אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן אוֹיף דֶעם כְּלַל וואו אוּן וָואס דֶער רֶבִּי מֵיינְט אַז מֶען זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן חוּמְרוֹת אוּן וואו מֶען דַארְף יָא אַכְטוּנְג גֶעבְּן וְכוּ׳.

אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ.

...

**מְ׳דַארְף רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן נָאר פָּשׁוּטֶע דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַ גְרוּס פוּן דַיין אֵיידֶעם ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג אוּן פִירְט זִיךְ מִיט גְרוֹיס יִרְאַת שָׁמַיִם; אִיךְ זֶע זַיין הִתְנַהֲגוּת בַּיים דַאוֶונֶען אוּן בַּיים לֶערְנֶען, מַמָּשׁ צוּם בַּאווּנְדֶערְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ - סַיי פַאר דִיר אַלֵיינְס אוּן שְׁטַארְק זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אַנְדֶערֶע; אִיךְ הֶער אַזוֹיפִיל גְרוּסְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ׳ מִיט דַיינֶע חִיזוּקִים.

זָאלְסְט נִישְׁט מְכַבֵּד זַיין צוּ רֶעדְן בַּיי דִיר אִין שׁוּל מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט

קַיין דִיבּוּרִים, זֵייעֶרֶע דִיבּוּרִים זֶענֶען פוּן דִי תּוֹרוֹת וָואס זֶענֶען מְקַבֵּל פוּן שֵׁדִין יְהוּדָאִין (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן כח), וָואס בּוֹיעֶן בִּנְיָנִים וָואס שְׁטֵייט אִין דִי לוּפְט; מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען לִימוּדִים נִישְׁט פַאר דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט פַאר יֶענֶע וֶועלְט, נָאר שֵׁיינֶע דְרָשׁוֹת וָואס שְׁטֵייט אִין דִי לוּפְט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט מַסְבִּיר.

בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת דַארְפְסְטוּ נִישְׁט מֶער פוּן זָאגְן: "ה׳ מֶלֶךְ, ה׳ מָלָךְ ה׳ יִמְלוֹךְ לְעוֹלָם וָעֶד"; בַּיי דִי וֶועלְט זָאגְט מֶען דָאס אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ וְכוּ׳, אָבֶּער בַּיי אוּנְז אִין בְּרֶסְלֶב זָאגְט מֶען עֶס אִין אִידִישׁ: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפִירְט דִי וֶועלְט אוּן וֶועט דָאס פִירְן בִּיז אֵייבִּיג"; רֶעד פָּשׁוּטֶ׳ע אֱמוּנָה וֶועסְטוּ מְחַיֶּ׳ דַיין אִידִישֶׁע צֶעבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער, מֶען וֶועט קֶענֶען בּוֹיעֶן מִיט דִי וֶוערְטֶער בִּנְיָנִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

...

**מְ׳רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן סְ׳וֶוערְט גְרִינְגֶער.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט דִי הַנְהָגָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן "תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת"; דוּ בִּיסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד יֶעדְן טָאג, דוּ גִיסְט זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין פָּשׁוּטֶ׳ע שְׁפְּרַאךְ בִּיז עֶס וֶוערְט דִיר גְרִינְגֶער, דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

קוּק צוּ וָואס דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּ; מִיר זֶענֶען פָּשׁוּטֶ׳ע מֶענְטְשְׁן, מִיר זֶענֶען נָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּן עֶפֶּעס שַׁיְיכוּת צוּ הֵיילִיגְקֵייט, דָאךְ לֵייגְט דֶער רֶבִּי אַרַיין אִין אוּנְז אַזַא גְרוֹיסֶע אוּן הֵיילִיגֶע הַנְהָגָה, מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן שְׁפַּאצִירְן מִיט אִים; רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, דַארְפְן מִיר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ זַיין.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין גוּטֶע פִירוּנְג; שְׁטַארְק זִיךְ, בְּרֶעךְ נִישְׁט אוּנְטֶער; דוּ הַאלְסְט שׁוֹין מַמָּשׁ פַאר דַיין יְשׁוּעָה, דוּ בִּיסְט אַזוֹי יוּנְג אוּן דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַזוֹיפִיל אַרִיבֶּער, צַעַר אוּן יִסוּרִים וָואס עֶלְטֶערֶע גֵייעֶן נִישְׁט אַרִיבֶּער אוּן דָאךְ בִּיסְטוּ פֶעלְזְן פֶעסְט, דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ יֶעדְן טָאג פוּנְדָאסְנַיי. בֶּעט אִיךְ אִיךְ דִיר: "בְּרֶעךְ נִישְׁט

אוּנְטֶער", נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ הָאבְּן דַיין יְשׁוּעָה.

...

## אַ קִינְד וֶויינְט צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען פַאר'שִׁיכּוֹר'ט אִינֶעם טֶעלֶעפָאן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

מִיר הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ נִיגוּן וְוי אַ קִינְד וֶויינְט צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן, עֶר גֶעבְּט אַרוֹיס זַיינֶע גֶעפִילְן וְוי עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט בַּיי זַיינֶע עֶלְטֶערְן, וַוייל זֵיי זֶענֶען פַאר'שִׁיכּוֹר'ט אִינֶעם טֶעלֶעפָאן.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶעמַאכְט אוֹיף דֶעם נִיגוּן אַ מוּזִיק וִוידִיאָו, מִיר הָאבְּן עֶס גֶעוִויזְן בַּיי דִי פְרוֹיעֶן בַּיים חִינוּךְ אָוֶוענְט.

וְוִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן וְוִי מֶער דוּ קֶענְסְט; לֵייג עֶס אוֹיף אַלֶע וֶועבְּסֵייטְס, בְּלַאגְס וְכוּ', וְכוּ'; אֶפְשָׁר וֶועלְן מִיר קֶענֶען פוֹעֶלְ'ן בַּיי נָאךְ אֵיין מִשְׁפָּחָה זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם כֵּלִי וָואס מֶען קֶען זֶען דֶערוֹיף מָאוִוי"ס, קְלִיפְּס וְכוּ', וְכוּ'.

הַיינְט קֶען מֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער מֵפִיץ אָן אַרוּמְגֵיין אִין דִי גַאסְן אוּן אִין הַייזֶער; מֶען קֶען זִיצְן אִין אַ בַּאקְוֶועמֶע אָפִיס אוּן פוּן דָארְט פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק בַּעֲבוֹדַת ה'.

...

## מַיין נְסִיעָה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

חַסְדֵי ה' יִתְבָּרַךְ אִיךְ בִּין הַיינְט צוּרִיק גֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָא בְּקִיצוּר אַבִּיסְל פוּן דִי נְסִיעָה.

מָאנְטָאג נַאכְט בִּין אִיךְ אַרוֹיסְגֶעפָארְן, דִינְסְטָאג פַארְנַאכְטְס אוּם זֶעקְס אַזֵייגֶער הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין נָאכְמָאל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ בִּין גְלַייךְ גֶעפָארְן קַיין

"בֵּית שֶׁמֶשׁ" צום בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, דָארְט זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה און תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ. קוֹדֶם הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא און נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת - בִּיז נַיין אַזֵייגֶער.

נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין יְרוּשָׁלַיִם עוֹסֵק זַיין אִין אַ שִׁידוּךְ וְכוּ', עֶלְף אַזֵייגֶער אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אַ שִׁיעוּר אִין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקּוֹדֶשׁ.

מִיטְוָואךְ זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין יַבְנְאֵל צום צִיּוּן פון מוֹהֲרָא"שׁ; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעקֶענְט אַבִּיסְל אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת. אִין יַבְנְאֵל הָאבְּן מִיר זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; יֶעדֶעס מָאל מֶען טְרֶעפְט זִיךְ מִיט אַנְשֵׁי הַצַּדִּיק אִיז מֶען זוֹכֶה צו הֶערְן פְרִישֶׁע דִיבּוּרִים, פְּרִישֶׁע הִתְחַזְּקוּת.

נָאכְמִיטָאג אוּם דְרֵיי אַזֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען אַ שִׁיעוּר אִין צְפַת, אִין צְפַת אִיז אִיז דָא אַ שֵׁיינֶע חֲבוּרָה אִינְגֶעלַייט וָואס הַאלְטְן זִיךְ אִין רֶבִּי'ן בְּנֻסַּח הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; קוֹדֶם הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דֶעם דַף און נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען.

פון דָארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין בְּנֵי בְּרַק צו דִי חֲתוּנָה פון הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר, און פון דָארְט אַהֵיים קַיין נְיוּ יָארְק.

אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן.

...

## מַאךְ הֲפָצָה פַאר כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי ... נֵרוֹ יָאִיר.**

ווארוּיל אִיז דִיר אַז דו הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין הֲפָצָה; דו פַארְשְׁפְּרֵייטְסְט דִי לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פון רֶבִּי'ן פַאר אַנְדֶערֶע. עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס וֵוייסְן נִישְׁט פון דִי שֵׁיינֶע זִיסֶע וֶועג פון רֶבִּי'ן.

בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ גֵיין צְווִישְׁן כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט, זֵיי דַארְפְן נָאךְ דָאס מֶערְסְטֶע חִיזוּק; דִי אִינְגֶעלַייט, יוּנְגֶע אַבְרֵכִים וָואס הָאבְּן יֶעצְט חֲתוּנָה גֶעהַאט זֵיי דַארְף מֶען עֶפֶענֶען דִי אוֹיגְן זֵיי זָאלְן זֶען אַז מֶען קֶען לֶעבְּן אַ לֶעבְּן, זַיין דָבוּק צום אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּזַאמֶען מִיט דִי וַוייבּ.

רוֹב אִינְגֶעלַייט וֵוייסְן נִישְׁט דֶערְפוּן, זֵיי הָאבְּן יִסוּרִים, וַוייל פון אֵיין זַייט צִיט

זַיי אַהֵיים צוּ גֵיין צוּ דִי וַוייבּ אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט מֶען זַיי אַזוֹי פַארְדְרֵיידְט דֶעם קָאפּ אַז מֶען טָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן דִי וַוייבּ, מֶען זָאל נִישְׁט צוּפִיל אַהֵיים גֵיין וְכוּ׳, זַיי קוּקְן אוֹיף דִי וַוייבּ מַמָּשׁ כְּאִילוּ כָּפְאוֹ שֵׁד.

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זוּךְ אוֹיף דִי קוּנְטְרֵסִים "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" וָואס הָאבְּן אִין זִיךְ הַנְהָגוֹת פַּאר אִינְגֶעלַייט, וואוּ זַיי וֶועלְן קֶענֶען אַרוֹיס נֶעמֶען רְמָזִים, זַיין אַ מֵבִין דָּבָר מִתּוֹךְ דָּבָר צוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן אַן עֶרְלִיכֶע לֶעבְּן מִיט דִי וַוייבּ, זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ, אַ זוֹיבֶּערֶע מַחֲשָׁבָה אוּן קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵב.

...

### זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְעֶר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

עֶס קוּמְט מִיר נִישְׁט אוֹיס צוּ רֶעדְן מִיט דִיר אַזוֹי אָפְט, אָבֶּער טְרַאכְטְן טְרַאכְט אִיךְ פוּן דִיר גָאר אַסַאךְ; אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל פַּאר דִיר יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג, אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא אוּן הֲלָכָה, וְכוּ׳, וְכוּ׳; סוֹף כָּל סוֹף וֶועט נָאר דָאס בְּלַייבְּן מִיט אוּנְז, תּוֹרָה, תְּפִלָּה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים - דָאס בְּלַייבְּט אִיבֶּער.

אִיךְ וִויל מִיט דִיר רֶעדְן וְכוּ׳ אַזוֹי וִוי אַמָאל; אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ אַזוֹי וִוי אַמָאל.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס וַוארְט פַּאר דַיין יְשׁוּעָה.

...

### פְרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְעֶר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בִּין הַיינְט צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ בִּין נִישְׁט דָא גֶעוֶוען פַּאר צְוֵויי טֶעג, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעדֶענְקְט צוּ שִׁיקְן פַּאר דַיין וַוייבּ דִי שִׁיעוּר וָואס מֶען

הָאט גֶעוִויזְן פַאר דִי פְרוֹיעֶן דִי וָואךְ בַּיים חִינוּךְ אָוֶוענְט.

זָאג פַאר דַיין וַוייבּ אַז עֶס אִיז אַ שָׁאד זִי זָאל נִישְׁט מַאכְן דִי וָואךְ אַ פְּרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם; אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אוּן אִין שְׁטֶעטְל הָאט מֶען גֶעמַאכְט דִי וָואךְ דֶעם חִינוּךְ אָוֶוענְט (P.T.A.) אַנְשְׁטָאט דִי פְרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם. דִי שִׁיעוּר אִיז נוֹגֵעַ פַּאר אַלֶע פְרוֹיעֶן, אֲפִילוּ דִי וָואס שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת; אַלֶע דַארְפְן חִיזוּק, אַלֶע דַארְפְן גוּטֶע עֵצוֹת ווִי אַזוֹי צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער.

פְרֶעג דַיין וַוייבּ אוֹיבּ זִי ווִיל, אוֹיבּ זִי הָאט כֹּחַ צוּ מַאכְן אַ צוּזַאמְקוּם, וֶועל אִיךְ דִיר שִׁיקְן דֶעם שִׁיעוּר. וַוייל דֶעם קוּמֶענְדִיגְן פְרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם וֶועט זַיין מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ו טֵבֵת; אִיז אַ שָׁאד פַאר דִי פְרוֹיעֶן בַּיי אַייךְ אִין שְׁטָאט זָאלְן דַארְפְן וַוארְטְן אַזוֹי לַאנְג.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, וָואס דוּ דַארְפְסְט בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

**זוּךְ נִישְׁט קַיין חוּמְרוֹת, אָבֶּער זַיי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

וֶוען דַיין וַוייבּ זָאגְט דִיר וָואס זִי הָאט גֶעלֶערְנְט בַּיי אִיר מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ׳ זָאלְסְטוּ דָאס מַחְשִׁיב זַיין; פְרֵיי זִיךְ אַז זִי הָאט אַ מְנַהֶלֶת וָואס גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט דִי תַּלְמִידוֹת אֲפִילוּ נָאךְ דִי חֲתוּנָה. אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט ווָאלְטְן גֶעצָאלְט זֵייעֶר גַאנְצֶע גֶעלְט אַז זֵייעֶר וַוייבּ זָאל הָאבְּן אַ מְנַהֶלֶת וָואס לֶערְנְט מִיט דִי פְרוֹיעֶן ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיטְ׳ן מַאן אָן קַיין חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת.

דוּ ווֵייסְט נִישְׁט אוּן דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט ווִיסְן וָואס מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער צוּלִיבּ דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע כַּלָּה טִיטְשֶׁערְס וָואס גְרֵייטְן אָן כַּלּוֹת מִיט חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט קְרִיסְטְלִיכֶע גַלָּחִים; ווִיפִיל אִינְגֶעלַייט פַאלְן אַרַיין אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן נָאר צוּלִיבּ דִי רְשַׁעֲ׳נְטֶעס וָואס פַארְשְׁטֶעלְן זִיךְ מִיט אַ שֵׁיינֶעם שְׁלֵייעֶר.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אוּנְז אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן קְלָאר גֶעמַאכְט דִי וֶועגְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק רִירְן פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, פוּן הֲלָכָה; דַארְפְסְטוּ שֶׁעצְן דַיין וַוייבּ אַז זִי גֵייט צוּ דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּרִים פוּן דִי מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ׳, נִישְׁט אַרָאפְּרַייסְן אִיר צְנִיעוּת.

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק מַאכְן אַ שִׁיעוּר זוּנְטָאג בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ פַּאר אַלֶע פְּרִישֶׁע אַבְרֵכִים, אִיךְ שְׁפִּיר אַז עֶס זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט וָואס מִישְׁן אוֹיס דִי יוֹצְרוֹת; וֶוען מֶען רֶעדְט קֶעגְן חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת מֵיינֶען זֵיי אַז מֶען מֵיינְט "צְנִיעוּת", דָאס אִיז צְוֵויי עֶקְסְטֶערֶע זַאכְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קֶעגְן חוּמְרוֹת, דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען קֶען פִירְן אַן הֶפְקֵר לֶעבְן, עֶסְן יֶעדֶע הֶכְשֵׁר וָואס הָאט אִידִישֶׁע אוֹתִיוֹת, עֶסְן פְלֵייש פוּן שׁוֹחֲטִים וָואס וְכוּ' אוּן גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן מִיט בִּגְדֵי פְּרִיצוּת.

דֶער רֶבִּי זָאגְט קְלָאר (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן לז) אַז צוּלִיבּ נִישְׁט עֶרְלִיכֶע שׁוֹחֲטִים מוּטְשֶׁעט מֶען זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה; אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", צְנִיעוּת בְּרֶענְגְט גוּטֶע קִינְדֶער.

אִיךְ בִּין הַיינְט צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; הַיינְט נַאכְט אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ מַאכְן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שִׁיעוּר לְאַבְרֵכִים וַוייל הַיינְט אִיז דֶער וֶועכְנְטְלִיכֶער שִׁיעוּר, שַׁבָּת וֶועל אִיךְ אִם יִרְצֶה ה' זַיין אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, אִין שְׁטֶעטְל; זוּנְטָאג נַאכְט ווִיל אִיךְ רֶעדְן מִיט דִי אַבְרֵכִים - תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה.

אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ.

...

**עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ מַאכְן שִׁידוּכִים.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

זַיי מְחַזֵּק דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' זִי זָאל וַוייטֶער עוֹסֵק זַיין אִין מַאכְן שִׁידוּכִים, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ מַאכְן שִׁידוּכִים; דִי מִצְוָה אִיז אַ בְּחִינָה פוּן מֵת מִצְוָה, וַוייל עֶס זֶענֶען נִישְׁט דָא צוּפִיל וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין דֶעם, אֲפִילוּ דִי וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין דֶעם דַארְפְן זֵייעֶר אַסַאךְ חִיזּוּק, וַוייל מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט, מֶען כַאפְּט אַרַיין זַאפְטִיגֶע בִּזְיוֹנוֹת וְכוּ', וְכוּ'.

פְרֶעג אִיר אוֹיבּ זִי קֶען אָנְטְרָאגְן דֶעם שִׁידוּךְ פוּן ... פַאר ...; לְדַעְתִּי אִיז אַ שָׁאד אַז עֶס זָאל זִיךְ אָפְּהַאלְטְן צוּלִיבּ דִי לְבוּשׁ. אֵיינְמָאל עֶר וֶועט רֶעדְן מִיט אִיר וֶועט עֶר מַסְכִּים זַיין צוּ גֵיין וַוייטֶער, עֶר אִיז זֵייעֶר אַ וואוֹילֶער אוּן אַ קְלוּגֶער. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תִּיקּוּנֵי זוֹהַר, תִּיקּוּן כא, דַף ס:) אַז אַ טִיפֵּשׁ קוּקְט אוֹיפְ'ן קְלֵייד, אָבֶער אַ חָכָם

קוּקְט וָואס לִיגְט אוּנְטֶערְ'ן לְבוּשׁ; אֵיינְמָאל עֶר וֶועט זִיךְ טְרֶעפְן אוּן רֶעדְן וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין קַטְנוּת, עֶר וֶועט מַסְכִּים זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְן לְשֵׁם שָׁמַיִם אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן מֵפִיץ זַיין דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְט פַאר אַנְדֶערֶע, בְּעִיקָר פַאר בְּנֵי הַנְּעוּרִים, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ; וַוייל אוֹיף זֵיי גֵייט אַרִיבֶּער בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ', אוּן נָאר דֶער רֶבִּי הָאט אַ שְׁפְּרָאךְ צוּ זֵיי.

...

## שַׁאפְן אַ זַאל פַאר דִי סְקוּל פְּלֶעי.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

טוּ מִיר אַ טוֹבָה, פְרֶעג דַיין זֵיידֶע אָדֶער דַיין פֶעטֶער אוֹיבּ מִיר קֶענֶען הָאבְן דֶעם זַאל ... פַאר זוּנְטָאג אוּן מָאנְטָאג פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח פַאר דִי פְּלֶעי וָואס דִי סְקוּל מַאכְט. אוֹיבּ אִין דִי טֶעג זֶענֶען דָא חֲתוּנוֹת אֶפְשָׁר קֶענֶען מִיר הָאבְן זוּנְטָאג אוּן מָאנְטָאג פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים.

מִיר פְּלֶעגְן מַאכְן דִי פְּלֶעי'ס אִין יְשִׁיבָה, אָבֶער עֶס הָאט זִיךְ פַארְגְרֶעסֶערְט דִי סְקוּל, מִיר דַארְפְן אַ גְרֶעסֶערֶע פְּלַאץ.

לָאז מִיר וִויסְן וִוי פְרִיעֶר, וַוייל מִיר דַארְפְן וִויסְן וֶוען אוּן וואוּ.

שְׁטַארְק זִיךְ, קוּק דִי נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט דִיר גֶעטוּן בִּיז אַהֶער; דַאנְק אוּן לוֹיבּ אִים וֶועט עֶר טוּן מִיט דִיר נָאךְ נִסִּים.

...

## פַארְוָואס שְׁטַאמְלְט דָאס קִינְד.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כַ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַז אַ קִינְד שְׁטַאמְלְט בַּיים רֶעדְן אִיז דָאס פוּן פְּחָדִים; קֶען זַיין אַז דָארְט אִין ... פְּלֶעי גְרוּפּ לֵייגְט אַ טִיטְשֶׁער פְּחָדִים אוֹיף דִי קִינְדֶער, פוּן דֶעם הֵייבְּט עֶר אָן שְׁטַאמְלֶען (סְטָאדֶערְ"ן).

זַיי מְבַרֵר אוֹיבּ דָאס קוּמְט טַאקֶע פוּן דֶעם, הַאלְט דַיין קִינְד אִין שְׁטוּבּ אַפָּאר טֶעג אוּן זֶע אוֹיבּ דָאס וֶוערְט בֶּעסֶער; אוֹיבּ עֶס וֶוערְט אִים בֶּעסֶער זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט דִי טִיטְשֶׁערְס זֵיי זָאלְן זִיךְ אוּמְגֵיין מֶער וֵוייךְ צוּ אִים.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר גוּטֶע עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, וַוייל קִינְדֶער זֶענֶען אַזוֹי וִוי בֵּיימֶעלֶעךְ אוּן דִי תְּפִילוֹת זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ וַואסֶער; פּוּנְקְט וִוי בֵּיימֶער וַואקְסְן נָאר אַז מֶען בַּאוַואסֶערְט זֵיי אַזוֹי וַואקְסְן דִי קִינְדֶער אוֹיף גֶעזוּנְטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע דוּרְךְ תְּפִילוֹת פוּן עֶלְטֶערְן.

...

דוּ זָאלְסְט מַאכְן טֶערֶעפִּי מִיטְ'ן טֶערֶעפִּיסְט.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן
לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט נֶעכְטְן בַּיי דִי חֲתוּנָּה אִין בְּנֵי בְּרַק אַז אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו גְלַייךְ וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים, וֶועל אִיךְ עֶס יֶעצְט מְקַיֵּים זַיין.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת; נֶעם אַרַיין אִין דִיר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דוּ בִּיסְט נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר; וִוי מֶער מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אֱמוּנָה, וִוי מֶער מֶען טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען מֶער זִיכֶער בַּיי זִיךְ, מֶען וֶוערְט זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ מִיט גֶעוֵויינְט מִיט דִיר נֶעכְטְן בַּיי דִי חֲתוּנָּה אַז דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אַזַא שְׁוֶוערֶע צַייט, דַיינֶע עֶלְטֶערְן גֵייעֶן זִיךְ גֶטְ'ן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ. דוּ בִּיסְט נָאךְ אַזוֹי יוּנְג, דוּ קֶענְסְט עֶס נִישְׁט נֶעמֶען, דוּ וֶוערְסְט צֶערִיסְן פוּן דֶעם, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי עֶס אִיז דִיר טוּנְקֶל גֶעוָוארְן דַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

אָבֶּער וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, דוּ בִּיסְט נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט צוּ הֶערְן וִוי דוּ רֶעדְסְט מִיט אִים, עֶר וֶועט דִיר וַוייטֶער גֶעבְּן כֹּחַ אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן. דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט גֵיין צוּ קֵיינֶעם, אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען אַ גֶעהָאלְפֶענֶער.

אַז דַיינֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּר אוּן מְחַנְּכִים עֲקְשְׁנְ'עֶן זִיךְ מִיט דִיר אַז דוּ דַארְפְסְט גֵיין צוּ אַ מְטַפֵּל רִגְשִׁי וְכוּ', זָאלְסְטוּ זֵיי זָאגְן אַז דוּ בִּיסְט פֵיין, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס. אַז מֶען צְווִינְגְט דִיר מַמָּשׁ צוּ גֵיין רֶעדְן מִיט אַ טֶערֶעפִּיסְט זָאלְסְטוּ גֵיין אוּן דוּ זָאלְסְט

מאכן טֶערֶעפּי מִיטְ'ן טֶערֶעפּיסְט, זָאלְסְט זִיךְ מְטַפֵּל זַיין מִיטְ'ן מְטַפֵּל. אִיךְ הָאבּ אָן אַ שִׁיעוּר מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה וָואס מֶען הָאט זֵיי גֶעצְוואוּנְגֶען צוּ גֵיין רֶעדְן מִיט אַ מְטַפֵּל אוּן עֶס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט "הֲרֵי זֶה בָּא לְלַמֵּד", יֶענֶער הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען דֶעם בָּחוּר, אָבֶּער "וְנִמְצָא לָמֵד", דֶער מְטַפֵּל הָאט זִיךְ צוּגֶעהֶערְט צוּם בָּחוּרְ'ל אוּן גֶעשְׁלִינְגֶען מִיט דָארְשְׁט יֶעדֶעס וָוארְט.

פָּאלְג דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן נֶעם דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ. אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָא אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה, אִיךְ וַוייז דִיר אַ וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ זָאלְסְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז דוּ וֶועסְט דָאס זָאגְן יֶעדְן טָאג וֶועסְטוּ מִיט דִי צַייט אָנְהֵייבְּן אַלֵיינְס צוּ רֶעדְן דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין לֶעבְּן, אִיךְ דַאנְק דִיר אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד אוּן אִיךְ דַאנְק דִיר אַז אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט אַרִיבֶּער טְרָאגְן; מַיינֶע עֶלְטֶערְן גֵיין זִיךְ גֶטְ'ן, אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן טְרַאכְטְן פוּן דֶעם, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי מַיין לֶעבְּן גֵייט זִיךְ עֶנְדִיגְן. אִיךְ ווִיל הָאבְּן עֶלְטֶערְן וָואס לֶעבְּן צוּזַאמֶען, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי עֶס רִירְט מִיר אָן מַיינֶע נֶערְוְון, אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס; הֶעלְף מִיר, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיין צָרָה.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער! דוּ בִּיסְט דֶער כֹּל יָכוֹל, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אִיךְ זָאל זַיין שְׁטַארְק וִוי אַייזְן נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַאלְן פוּן דָאס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער. אוּנְזֶער גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אִיז צֶערִיסְן אוּן צֶעשְׁנִיטְן, הֶעלְף אוּנְז בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר, אִיךְ בִּין נָאךְ יוּנְג, מַיין מֹחַ קֶען עֶס נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! תְּפִלָּה אִיז מַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע הָאפֶענוּנְג, בֶּעט אִיךְ דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, גֶעבּ מִיר שְׁטַארְקֵייט אִיךְ זָאל זַיין שְׁטַארְק אוּן אִיךְ זָאל קֶענֶען שְׁטַארְקְן אַנְדֶערֶע חֲבֵרִים וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַנְדֶערֶע צָרוֹת, זֵיי שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה. גֶעבּ מִיר כֹּחַ אִיךְ זָאל דִיר דִינֶען בְּשִׂמְחָה, אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע אִין הִימְל הָאבּ שׁוֹין רַחֲמָנוּת אוֹיף אַלֶע אִידְן; אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פַארְלוֹירְן, שִׁיק אוּנְז שׁוֹין מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ בִּמְהֵרָה, אָמֵן".

אִיךְ וַוארְט דוּ זָאלְסְט מִיר צוּרִיק שְׁרַייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

### אוֹיף עֲבֵירוֹת בַּאקוּמְט מֶען בִּיטֶערֶע עוֹנְשִׁים.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֵויי וֵויי צוּ לֵיינֶען וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אִינֶעם בְּרִיוו, גֶעוַואלְד גֶעוַואלְד אַז דָאס גֵייעֶן אַרִיבֶּער בָּחוּרִים, וֵויי פַאר דִי וָואס גֵייעֶן צוּ פְּלֶעצֶער וואוּ מֶען מַאכְט אַ מַאסַאדְזְשׁ וְכוּ׳; מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס פַאר אַ עוֹנֶשׁ מֶען בַּאקוּמְט צוּלִיבּ גֵיין טוּן עֲבֵירוֹת.

דִי תּוֹרָה זָאגְט אַז אוֹיבּ מֶען זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית בַּאקוּמְט מֶען אַ בִּיטֶערֶער עוֹנֶשׁ (בְּרֵאשִׁית מו, יב): ״וַיָּמָת עֵר וְאוֹנָן בְּאֶרֶץ כְּנַעַן״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶע׳הַרְגֶ׳עט עֵר וְאוֹנָן וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית – הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן; אוֹיבּ טוּט מֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער בַּיים סוֹף. מֶען הָאט אַ שְׁלֶעכְטֶער סוֹף, אַ בִּיטֶערֶער סוֹף, מֶען וֶוערְט אַלְט אוּן שְׁוַואךְ, מֶען וֶוערְט אַ גֶערֶעגְטֶער מֶענְטְשׁ אוּן אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז דֶער סוֹף פוּן עֲבֵירוֹת, רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דוּ הָאסְט צְוֵויי בְּרֵירוֹת, אָדֶער אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי חֲבֵרִים אִין דַיין יְשִׁיבָה וָואס דֶערְצֵיילְן בַּייטָאג וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן בַּיינַאכְט, זֵיי דֶערְצֵיילְן זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת, אָדֶער מַאךְ אַ טִיקֶעט אוּן קוּם צוּרִיק קַיין אַמֶערִיקֶע; בְּלַייבּ נִישְׁט קַיין אֵיין טָאג מִיט דִי חֲבֵרִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס פָארְן קַיין וְכוּ׳. אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע בְּרֵירָה גֵיי נֶעם זִיךְ אַן אַרְבֶּעט וִוי אֵיידֶער פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן מִיט עֲבֵירוֹת.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה יג:): ״כָּל הַמּוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּיב מִיתָה״, וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אִיז חַיָּיב מִיתָה. ״רַבִּי יִצְחָק וְרַבִּי אַמִּי אָמְרֵי, כְּאִילוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים״, רֶבִּי יִצְחָק אוּן רֶבִּי אַמִּי זָאגְן, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף רְצִיחָה אוּן שְׁפִיכַת דָּמִים. ״רַב אַסִּי אָמַר, כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים״, רַב אַסִּי זָאגְט, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

בְּרוּדֶער, אָחִי הַיָּקָר, הֶער אוֹיס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (מִשְׁלֵי א, טו): "בְּנִי, אַל תֵּלֵךְ בְּדֶרֶךְ אִתָּם", מַיין קִינְד גֵיי נִישְׁט אוֹיף זֵייעֶר וֶועג, "מְנַע רַגְלְךָ מִנְּתִיבָתָם", גֵיי נִישְׁט אוֹיף זֵייעֶרֶע וֶועגְן, (שָׁם ה, ג-ה): "כִּי נֹפֶת תִּטֹּפְנָה שִׂפְתֵי זָרָה", דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן אָן צוּ טוּן עֲבֵירוֹת רֶעדְן זֵייעֶר זִיסֶע רֵייד, "וְחָלָק מִשֶּׁמֶן חִכָּהּ", דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען גֶעשְׁמַאקֶער וִוי גוּטֶע אוֹיל, אָבֶּער "וְאַחֲרִיתָהּ מָרָה כַלַּעֲנָה", אָבֶּער אִיר סוֹף אִיז בִּיטֶער וִוי בִּיטֶערֶע גְרָאז, "חַדָּה כְּחֶרֶב פִּיּוֹת", עֶס בְּרֶענְגְט דֶער טוֹיט, אַזוֹי וִוי אַ שַׁארְפֶער מֶעסֶער מִיט צְוֵויי שַׁארְפְן, "רַגְלֶיהָ יֹרְדוֹת מָוֶת", אִירֶע פִּיס פִּירְן אַרָאפּ צוּם טוֹיט, "שְׁאוֹל צְעָדֶיהָ יִתְמֹכוּ", צוּם גֵיהִנּוֹם דֶערְנֶענְטֶערְן זֵיי אִירֶע טְרִיט.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען דִי רֵייד וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן.

...

### רֶעד צוּ דַיין מַאמֶע מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן.

**לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

חוּצְפָּה זִיךְ נִישְׁט צוּ דַיין מַאמֶע; וָואס זִי זָאגְט דִיר זָאלְסְטוּ טוּן מִיט שִׂמְחָה וֶועט זִי דִיר נִישְׁט זַיין קַיין מְנִיעָה פַאר בְּרֶסְלֶב. רֶעד צוּ דַיין מַאמֶע מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, וָואס זִי זָאגְט דִיר זָאלְסְטוּ טוּן מִיט זְרִיזוּת אוּן פְרֵיילִיכְקֵייט. דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט דֶערְצֵיילְן אַז דוּ הֶערְסְט דִי שִׁיעוּרִים וְכוּ', הֶער וַוייטֶער דִי חִיזוּקִים אוּן זַיי זִיךְ מְחַזֵּק מִיט דֶעם פַאר דִיר אַלֵיינְס.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט, בִּפְרָט אַז דַיין יְשִׁיבָה פַארְלַאנְגְט דָאס פוּן יֶעדְן בָּחוּר, דַארְפְסְטוּ הָאבְּן הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר דִי יְשִׁיבָה וואוּ דוּ לֶערְנְסְט אוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט. בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה דַארְף יֶעדֶער בָּחוּר גֵיין נָאךְ גֶעלְט; נִישְׁט נָאר חֲנוּכָּה נָאר אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר, אוּן אַלֶע תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה גֵייעֶן יֶעדֶע נַאכְט נָאךְ גֶעלְט, זֵיי פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן סְפָרִים פוּן מוֹהֲרַנַ"שׁ אוּן בֶּעטְן צְדָקָה. זָאלְסְטוּ אוֹיךְ גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר דַיין יְשִׁיבָה.

מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט פוּנֶעם סַאטְמַארֶער רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז גֵיין נָאךְ גֶעלְט אִיז אַ תִּיקוּן פַאר כְּרִיתוּת וּמִיתוֹת בֵּית דִּין; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט נָאךְ גֶעלְט נֶעמְט עֶר

אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע עוֹנָשִׁים קָשִׁים וּמָרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נָאר קוּקְן גוּט אוֹיף אַלֶעמֶען.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ"ד כִּסְלֵיו, עֶרֶב חֲנוּכָּה, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט קוּקְן מִיט אַ גוּט אוֹיג אוֹיף אַלֶע אַיינְווֹאוֹינֶער אִין שְׁטֶעטְל; אִיךְ וֵייס אוֹיךְ אַלֶעס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר, אִיךְ וֵייס נָאךְ מֶער וָואס דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אוּן וָואס דוּ ווִילְסְט נִישְׁט ווִיסְן וְכוּ'.

נָאר מִיט גוּטְ'ן וֶועסְטוּ פּוֹעֶלְ'ן, אוּן נָאר מִיט קוּקְן גוּט אוֹיף אַלֶעמֶען וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין. אַנְשְׁטָאט שְׁרַייעֶן אוֹיף הָאבְּרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר זָאלְסְטוּ שֵׁיין רֶעדְן צוּ אִים; עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ אוֹיפְגֶעוָואקְסְן אִין אַזַא חִינוּךְ, בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּבּ אִיז דָאס דִי וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט. אַלֶעס גֵייט מִיט שְׁטֶעכְן, פְּלִיקְן, פַארְשֶׁעמֶען אוּן וֵויי טוּן; דָאס אִיז בַּיי זֵיי דֶער: "גוּט מָארְגְן", "גוּטְן טָאג" אוּן "גוּטֶע נַאכְט", שְׁטֶעכְן, פְּלִיקְן, פְּלִיקְן אוּן שְׁטֶעכְן. וֶוען דוּ וָואלְסְט וֶוען גֶעהַאט אַזַא חִינוּךְ ווִי אִים וָואלְסְטוּ גֶעוֶוען אַסַאךְ עֶרְגֶער, וֶוען דוּ וָואלְסְט וֶוען גֶעהַאט זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן וָואלְסְטוּ גֶעפְּלִיקְט אוּן גֶעשְׁטָאכְן אַסַאךְ מֶער.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ שֵׁיין רֶעדְן צוּ אִים אוּן צוּ דִי אַנְדֶערֶע אִינְגֶעלַייט, זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן. זָאג זֵיי אַז אוֹיבּ זֵיי ווִילְן מִיר גֶעבְּן כֹּחַ זָאלְן זֵיי רֶעדְן שֵׁיין אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, וַוייל אִיךְ שְׁפִּיר אוֹיךְ וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעשְׁפִּירְט, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ זֶע צְוֵויי 'טְרֶעגֶערְס' קְרִיגְן זִיךְ, שְׁטֶעכְט עֶס מִיר בַּיי דִי זַייט"; מִיר שְׁטֶעכְט בַּיים הַארְץ וֶוען מֶען קְרִיגְט זִיךְ אוּן מֶען רֶעדְט נִישְׁט שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן.

חַזֵר אִיבֶּער מִיט זֵיי וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי, "אוֹיבּ מֶען וֶועט זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם וֶועט אִיר מַצְלִיחַ זַיין אוּן דֶער שְׁטֶעטְל וֶועט זַיין אַ גוּטֶע פְּלַאץ פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מַאכְט פְרֵיילִיךְ אֵייעֶר מַאן.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ״ד כִּסְלֵיו, עֶרֶב חֲנוּכָּה, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם וּבְאַהֲבָה; שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א): ״חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ, וְאִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶהֶרְסֶנּוּ״, אַ קְלוּגֶע פְרוֹי בּוֹיט אוֹיף אִיר שְׁטוּבּ אוּן אַ נַארִישֶׁע פְרוֹי צֶעבְּרֶעכְט עֶס מִיט אִירֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט; אֲפִילוּ דֶער מַאן דַארְף זַיין דֶער וָואס הֵייבְּט אָן גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט פַאר דִי פְרוֹי וְכוּ׳, אָבֶּער וֶוען אַ פְרוֹי נוּצְט אִיר שֵׂכֶל וֶועט זִי נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיפְ׳ן מַאן וְכוּ׳, זִי וֶועט אָנְהֵייבְּן גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט פַאר אִים, וֶועט דֶער מַאן אִיר צוּרִיק גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן אִיר גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט.

וֶוען אִיר וֵוייסְט אוּן אִיר שְׁפִּירְט אַז אַייעֶר מַאן וִויל אַייךְ מַאכְן אַ סוּרְפְּרֵייז, זָאלְט אִיר זִיךְ מַאכְן וִוי אִיר וֵוייסְט נִישְׁט, זָאגְטְס אִים נִישְׁט: ״אִיךְ וֵוייס וָואס דוּ גֵייסְט מִיר קוֹיפְן״, ״אִיךְ וֵוייס וואוּ דוּ גֵייסְט גֵיין מִיט מִיר וְכוּ׳ וְכוּ׳״, מַאכְט זִיךְ וִוי אִיר וֵוייסְט נִישְׁט כְּדֵי עֶר זָאל הַנָאָה הָאבְּן פוּן מַאכְן פַאר אַייךְ שֵׁיינֶע אִיבֶּערַאשׁוּנְגֶען, אַזוֹי וִוי אִיר וָואלְט גֶעוָואלְט מֶען זָאל זִיךְ פִירְן מִיט אַייךְ וֶוען אִיר וִוילְט יֶענֶעם פְרֵיילִיךְ מַאכְן מִיט אַן אִיבֶּערַאשׁוּנְג.

בְּנוֹגֵעַ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע וְכוּ׳; מֶען מֶעג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַ צְוֵוייטְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ"ד כִּסְלֵיו, עֶרֶב חֲנוּכָּה, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין דֶעם שַׁבָּת אִין שְׁטֶעטְל, בְּעִיקָר הָאבּ אִיךְ הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי גֶעשְׁמַאקֶע לוּפְט וָואס מֶען שְׁפִּירְט דָארְט; ווִי אַלֶע לֶעבְּן צוּזַאמֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט, מֶען גְרִיסְט זִיךְ נִישְׁט אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, מֶען קוּקְט גוּט אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן.

הַיינְט נַאכְט גֵייעֶן מִיר צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לִיכְט; עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים (עַיֵּין בְּסֵפֶר בְּנֵי יִשָּׂשכָר מַאֲמָרֵי חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו - טֵבֵת, מַאֲמָר ב - אוֹר תּוֹרָה, אוֹת כא) **אַז בְּשַׁעַת מֶען** צִינְדְט אָן דִי מְנוֹרָה קוּמְט אַרָאפּ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע הֵיילִיגְקֵייט אוּן מֶען קֶען פּוֹעֵלְ'ן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן. זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיי דִי לִיכְט; זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן אוֹיפְצִיעֶן דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַנְדֶערֶע; רֶעד נִישְׁט שְׁטֶעכֶעדִיג, רֶעד נִישְׁט פְּלִיקֶעדִיג, רֶעד שֵׁיין אוּן אֵיידְל. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַיינְגֶעפִּירְט מֶען זָאל זָאגְן פַארְ'ן דַאוֶוענֶען דִי תְּפִלָּה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִין דִי תְּפִלָּה בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**וְשֶׁנְּדַבֵּר כָּל אֶחָד אֶת חֲבֵירוֹ בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר וְהָרָצוּי לְפָנֶיךָ, מִיר זָאלְן רֶעדְן שֵׁיין אוּן אֵיידְל אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, אַזוֹי ווִי עֶס פַּאסְט פַאר דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער**".

אִיךְ וַוארְט אוּן הָאף אַז עֶס וֶועט בַּיי אוּנְז מְקוּיָּם וֶוערְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצב): "הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַל גּוֹדֶל הָאַהֲבָה שֶׁיֵּשׁ בֵּינֵינוּ", דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט וָואס עֶס אִיז דָא צְווִישְׁן אוּנְז; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז לֵיידֶער לֵיידֶער אִיז דֶער שִׂיחָה נָאכְנִישְׁט מְקוּיָּם גֶעוָוארְן אִין בְּרֶסְלֶב, עֶר הָאפְט אַז אִין "הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ" וֶועט דִי שִׂיחָה מְקוּיָּם וֶוערְן - אַז דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס אִיז דָא צְווִישְׁן אוּנְז; אִיךְ הָאף אַז דָאס וֶועט זַיין בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְל.

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל זָאלְסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַ צְוֵוייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן מְקַבֵּל זַיין דִי קְדוּשָּׁה פוּן חֲנוּכָּה, מִיר

זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אוֹר הַגָּנוּז אִין דִי תּוֹרָה.

...

## ס'אִיז אַ חוֹב אוֹיפְ'ן מְלַמֵּד צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין הֵיילִיג.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ח כִּסְלֵיו, ד' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

בְּנוֹגֵעַ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער וְכוּ'; אַוַדַּאי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן זַיין הֵיילִיג בִּקְדֻשַּׁת הַבְּרִית. עֶס לִיגְט אַ חוֹב אוֹיפְ'ן מְלַמֵּד צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין הֵיילִיג, נִישְׁט צוּרִירְן מִיט דִי הֶענְט וְכוּ'; וִויפִיל בָּחוּרִים וֵויינֶען אַז מֶען הָאט זֵיי נִישְׁט מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען זֵיי זָאלְן זַיין הֵיילִיג אוּן דֶערְפַאר הָאבּ זֵיי זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן שְׁלֶעכְטְס רַחֲמָנָא לִצְּלָן, וֶוען מֶען וָואלְט וֶוען גֶערֶעדְט צוּ זֵיי אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן קְלָארֶע וֶוערְטֶער וָואלְטְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט גֶעמוּטְשֶׁעט אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען מֶען רֶעדְט דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט וְכוּ'; מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ זֵיי לְפִי דַּרְגָּתָם, לוֹיט זֵייעֶר עֶלְטֶער, זֵיי נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן וְכוּ'. דָאס בֶּעסְטֶע אִיז אַז מֶען זָאגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט וְכוּ', עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה אוֹיבּ מֶען לֵייגְט דִי הֶענְט דָארְט"; אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ דַיינֶע תַּלְמִידִים וֶועסְטוּ זֵיי מַצִּיל זַיין פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

בְּנוֹגֵעַ קוּמֶען שַׁבָּת חֲנוּכָּה דַאוֶוענֶען מִיט בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים נִיצוֹל צוּ וֶוערְן פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ; אַוַדַּאי זָאלְסְטוּ קוּמֶען דַאוֶוענֶען צְוִוישְׁן בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים כָאטְשִׁיג אֵיין תְּפִלָּה, קוּק אַרַיין אִין סֵפֶר פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק (סִימָן תתמו) דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה בַּאֲרִיכוּת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט מִיטְ'ן רַב וָואס הָאט גֶעהַאט אַ חַבֵר אוּן זֵיי הָאבְּן צְוִוישְׁן זִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט מִיט אַ 'תְּקִיעַת כַּף' אַז וֶוער עֶס וֶועט פְרִיעֶר נִסְתַּלֵּק וֶוערְן וֶועט קוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן צְוֵוייטְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ אוֹיבְן אִין הִימְל. דֶער רָב אִיז קוֹדֶם נִפְטָר גֶעוָוארְן אוּן עֶס אִיז אַרִיבֶּער גֶעלָאפְן גַאנְצֶע אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג יָאר בִּיז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ זַיין חַבֵר, עֶס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דֶער רָב הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעוֶוען אִין

עוֹלָם הַתֹּהוּ אַכְט און צְוָואנְצִיג יָאר; וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: "וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ מִיר דְרַיי מָאל אַ יָאר - 'רֹאשׁ הַשָּׁנָה', 'שַׁבָּת חֲנוּכָּה' און 'שָׁבוּעוֹת', וֶועט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דֶעם עוֹנֶשׁ פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ"; אַ פַּחַד פוּן אַ מַעֲשֶׂה, אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק מִזֶּה הָעוֹלָם און זַיין נְשָׁמָה דְרֵייךְט זִיךְ אִין 'עוֹלָם הַתֹּהוּ', עֶר מֵיינְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ; דָאס אִיז שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסּוּרִים פַאר דִי נְשָׁמָה.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיב מֶען מֶעג טְרָאגְן שַׁבָּת דִי קַמֵיעַ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אִין אַ מָקוֹם וואוּ עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין עֵירוּב; דִי פּוֹסְקִים נֶעמֶען אָן (עַיֵּין מִשְׁנָה בְּרוּרָה סִימָן שח, סְעִיף קָטָן קכט) אַז אֲפִילוּ אַ קַמֵיעַ וָואס אִיז נִישְׁט קַיין קַמֵיעַ מוּמְחֶה, עֶס אִיז נִישְׁט קְלָאר אַז עֶס הֶעלְפְט, קֶען מֶען טְרָאגְן הַיינְטִיגֶע צַייטְן וָואס מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעהֶערִיגֶע רְשׁוּת הָרַבִּים, כָּל שֶׁכֵּן אִין דֶעם פַאל וָואס דִי קַמֵיעַ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אִיתְמַחֵי גַּבְרָא וְאִיתְמַחֵי קַמֵיעַ קֶען מֶען דָאס טְרָאגְן שַׁבָּת; מֶען דַארְף נָאר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל זַיין אָנְגֶעטוּן אוֹיפְ'ן גוּף, מֶען טָאר דָאס נִישְׁט הַאלְטְן אִין דִי הֶענְט אָדֶער אִין טַאשׁ (עַיֵּין מִשְׁנָה בְּרוּרָה סִימָן שא, סְעִיף קָטָן פח).

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דוּ קוּקְסְט מִיר אַזוֹי נָאךְ וְכוּ'; אִיךְ זָאג יָא דֶעם לְשֵׁם יִחוּד פַאר'ן לֵייגְן תְּפִילִין, נָאר אַסַאךְ מָאל וֶוען עֶס וֶוערְט שְׁפֶּעט, אִיךְ בִּין אַזוֹי טָרוּד וְכוּ' זָאג אִיךְ דֶעם לְשֵׁם יִחוּד פָּארְאוֹיס, פַאר אִיךְ קוּם אַרַיין אִין שׁוּל וְכוּ'.

דֶער עִיקָר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט בְּלַייבְּן מְקוּשָּׁר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, גֶעבּ אַ קוּק דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן וָואס עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַזוֹי מְקוּשָּׁר צוּם רֶבִּי'ן, וֶוער אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַזוֹי נָאנְט מִיטְן רֶבִּי'ן ווי רֶבִּי נָתָן, דָאךְ הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן עֶר זָאל אִים צוּבִּינְדְן צוּ אִים עֶר זָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַרַיין גֶעכַאפְּט אִין מַיין זַאק", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, בִּינְד מִיר צוּ אִינֶעם זַאק אִיךְ זָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין".

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

**זִיךְ נִישְׁט שְׁטֶעכְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ז' דַּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעכְטְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיי מְלַוֶּה מַלְכָּה הָאבְּן מִיר גֶעהֶערְט דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע נַייעֶס אַז אַ רוֹצֵחַ אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ אַ רָב אִין שְׁטוּבּ אִין מָאנְסִי אוּן גֶעשְׁטָאכְן אַפָּאר אִידְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל זֵיי אוֹיסְהֵיילְן מִיט אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה. וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל (חֵלֶק קע״ו) - צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים הָאט זִיךְ דָאס גֶעעֶפְנְט פּוּנְקְט בַּיי מִכְתָּב מ״ו אֲלָפִים תרכ״ד, וואוּ מוֹהֲרַא״שׁ דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין דִי צַייטְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי יִשָּׂכָר דוֹב פוּן בֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶס הָאט פַּאסִירְט דֶעמָאלְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה אִין דִי שְׁטָאט הִיבְנוּב, צְוֵויי שְׁנַיידֶערְס הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט אוּן דִי מַחְלוֹקֶת אִיז גֶעוָוארְן שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער בִּיז אֵיין שְׁנַיידֶער הָאט גֶע'הַרְגְ'ט דֶעם צְוֵוייטְן שְׁנַיידֶער, פּוּנְקְט דֶעמָאלְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דוּרְךְ גֶעפָארְן אִין יֶענֶעם גֶעגְנְט. וֶוען עֶר אִיז דוּרְךְ גֶעפָארְן דִי שְׁטָאט רַאוֶוע הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן עֶס זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעלָאפְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם צוּ נֶעמֶען שָׁלוֹם פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק, הָאט דֶער בֶּעלְזֶער רָב גֶעזָאגְט אַז עֶר ווִיל נִישְׁט גֶעבְּן שָׁלוֹם פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס וואוֹינֶען אִין שְׁטָאט הִיבְנוּב, קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְוַואגְן צוּצוּקוּמֶען צוּ אִים; דֶער עוֹלָם, הֶערְנְדִיג דָאס, הָאט גֶעהַאט טַעְנוֹת: 'וָואס זֶענֶען מִיר שׁוּלְדִיג, אִישׁ אֶחָד יֶחֱטָא וְעַל כָּל הָעֵדָה תִּקְצוֹף? אַז אַ שְׁנַיידֶער הָאט גֶעוָוארְפְן אַ מֶעסֶער אוֹיף אַ צְוֵוייטְן שְׁנַיידֶער אוּן אִים גֶע'הַרְגְ'ט, וָואס הָאט דָאס מִיט אוּנְז?' הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: "וֶוען חֲסִידִים שְׁטֶעכְן זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן מִיטְ'ן מוֹיל דֶעמָאלְט קֶען פַּאסִירְן אַזַא זַאךְ אַז אַ שְׁנַיידֶער זָאל וַוארְפְן אַ מֶעסֶער אוֹיף אַ צְוֵוייטְן"; מוֹהֲרַא״שׁ שְׁרַייבְּט דָארְט אִינֶעם בְּרִיוו: "אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ שְׁטֶעכְן אַנְדֶערֶע; נוּצְט נִישְׁט דֶעם מוֹיל צוּ וֵויי טוּן אַ צְוֵוייטְן, נָאר צוּ מְחַזֵּק זַיין אַנְדֶערֶע".

מִיר הָאבְּן פּוּנְקְט גֶעשְׁמוּעֶסְט פַאר דֶעם בַּיי מְלַוֶּה מַלְכָּה פוּן דִי סְגוּלָּה פוּן עֶפְּעֶנֶען דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל אוּן בַּאקוּמֶען תֵּירוּצִים; וֶוען מֶען הָאט אַ שְׁאֵלָה, וֶוען מֶען הָאט אַ סָפֵק זָאל מֶען עֶפְּעֶנֶען דֶעם סֵפֶר וֶועט מֶען בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע תְּשׁוּבָה,

און אַזוֹי ווִי מִיר רֶעדְן פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה עֶפְּנְט זִיךְ מִיר דֶעם בְּרִיוו און אִיךְ זֶע ווִי מוֹהֲרָא"ש זָאגְט מִיר קְלָאר אוֹיף וָואס מִיר דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן; מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט שְׁטֶעכְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְווֵייטְן, און אַז מִיר וֶועלְן רֶעדְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן שֵׁיין און אֵיידֶל וֶועלְן מִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל דֶעם סִיפּוּר אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׂא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "מִיט וָואס הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז מֶען זֶעט בַּיי דִיר אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע מוֹפְתִים?" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ גֶעזָאגְט: "בְּרוּדֶער, אִיךְ הָאב אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן מַיינֶע תַּלְמִידִים, מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן און מֶען רֶעדְט שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן", אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ בֶּעט אִין זַיין תְּפִלָּה (תְּפִלָּה קוֹדֶם הַתְּפִלָּה): "**תֵּן בְּלִבֵּנוּ שֶׁנִּרְאֶה כָּל אֶחָד מַעֲלַת חֲבֵרֵינוּ וְלֹא חֶסְרוֹנָם**", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זֶען נָאר דָאס גוּטְס בַּיי אַ צְוֵוייטְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט זֶען יֶענֶעמְ'ס פֶעלֶערְן, "**וְשֶׁנְּדַבֵּר כָּל אֶחָד אֶת חֲבֵרוֹ בַּדֶּרֶךְ הַיָּשָׁר וְהָרָצוּי לְפָנֶיךָ**", אִיךְ זָאל רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַ צְוֵוייטְן, "**וְאַל יַעֲלֶה שׁוּם שִׂנְאָה מֵאֶחָד עַל חֲבֵרוֹ חָלִילָה**", און אִיךְ זָאל נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן; "דָאס הָאב אִיךְ אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט בַּיי מַיינֶע תַּלְמִידִים, דֶערִיבֶּער זֶעט מֶען בַּיי אוּנְז גְרוֹיסֶע מוֹפְתִים".

הַיינְט נַאכְט אִיז דֶער גְּמַר הַחֲתִימָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט יָאר מִיט אַלֶעס גוּטְס.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה און אַ גוּט קְווִיטְל.

...

**בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר אוֹיךְ מוֹחֵל זַיין.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - אַ' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן **לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט נַאכְט זֹאת חֲנוּכָּה אִיז דֶער גְּמַר הַחֲתִימָה; עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אַז מֶען קֶען פוֹעֶלְ'ן גְרוֹיסֶע זַאכְן אִין דֶעם טָאג, אָבֶּער אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אַז דוּ דַארְפְסְט אִיבֶּערְבֶּעטְן דַיין וַוייבּ; אֱמֶת, דוּ הַאלְסְט אַז דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט

און זי דאַרף דיך איבּער בּעטן, אָבּער מען קען נישט קוקן אויף ווער עס איז געוועכט, מען דאַרף דאָ נוצן שׂכל, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זאָגן (סוֹטָה ח:): "בְּמִדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד, בָּהּ מוֹדְדִין לוֹ", ווי אַזוֹי אַ מענטש פירט זיך אַזוֹי פירט זיך דער אייבערשטער צוריק צו אים, און נאָך פיל מער בּיי אַ גוטע זאַך; אַז דו וועסט אַרויסגיין פון דיין וועג, דו וועסט איבּערבּעטן און זיך לאָזן איבּער בּעטן וועט דער אייבערשטער דיר מוֹחֵל זיין און דיר געבן אַ גוט געבענטשט יאָר.

ווי גליקליך זענען מיר אַז מיר האָבן אַ רבּי וואָס געבּט אונז שׂכל ווי אַזוֹי מיר זאָלן זיך פירן אין לעבן. דער רבּי לערנט אונז אויס מידות טובות און אַז מיר זאָלן אַכטונג געבן ווי אַזוֹי מיר פירן זיך, דער רבּי לערנט אונז אויס דֶּרֶךְ אֶרֶץ ווי אַזוֹי צו רעדן אין שטוּבּ, ווי אַזוֹי צו רעדן מיט די עלטערן און מיט יעדן איינעם, דער רבּי האָט געזאָגט: "ווען קיסרים און קעניגן וואָלטן געוויסט וואָס פאַר אַ דֶּרֶךְ אֶרֶץ איך לערן מיט מיינע מענטשן, וואָלטן זיי געשיקט זייערע קינדער לערנען צו מיר", אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ.

אַ פריילכן חֲנוּכָּה, אַ גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוט קוויטל.

...

**נישט קיין חילוק ווי ווייט מען איז געפאַלן קען מען שטענדיג צוריק קומען צום אייבערשטן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

איך האָבּ ערהאַלטן דיין בּריוו.

איך בּעט דיר זייער טייערער ליבּער חָבֵר, היינט זֹאת חֲנוּכָּה איז אַ טאָג וואָס מען קען זיך צוריק קערן צום אייבערשטן. וויל איך דיר זייער בּעטן דו זאָלסט זיך שטאַרקן אויף דיינע נסיונות און אָפּמאַכן די גוטע אָפּמאַך אָפּצולאָזן אַלע עֲבֵירוֹת, פאַרמאַכן אַלע טירן פון עֲבֵירוֹת און אַראָפּגיין פון סאָשעל מידיע וְכוּ' וְכוּ'; וואַרף אַוועק דיין טעבּלעט וואָס דו קוקסט דערויף מאַוויס שטילערהייט.

היינט איז אַ טאָג וואָס מען שרייבּט אָפּ פַּרְנָסָה פאַר דיר און דיין מִשְׁפָּחָה; מוֹהֲרַ"שׁ זאָגט "אַז מען היט די אויגן האָט מען פַּרְנָסָה", אַזוֹי ווי עס שטייט (תְּהִלִּים

קמה, טו): "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ, וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ", 'יְשַׂבֵּרוּ' - קֶען מֶען לֵיינֶען מִיט אַ שִׂין: "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ 'יְשַׂבֵּרוּ'", אַז מֶען צֶעבְּרֶעכְט דִי אוֹיגְן - דָאס הֵייסְט מֶען קוּקְט נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת, "וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ" - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן פַּרְנָסָה אִין צַייט.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער ..., קֶער זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף דִיר, דוּ קֶענְסְט אִין אֵיין מִינוּט זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען בִּיזְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.): "גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה שֶׁמַּגַּעַת עַד כִּסֵּא הַכָּבוֹד", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה קוּמְט עֶר אָן בִּיזְ'ן כִּסֵּא הַכָּבוֹד; אִין אֵיין סֶעקוּנְדֶע קֶען מֶען אָנְקוּמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, פוּן דִי וַוייטְסְטֶע פְּלַאץ - בִּיזְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען זָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים; אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט טוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אִיךְ הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנַיי"; מֶען נֶעמְט אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע עוֹנְשִׁים אוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת וֶוערְן אוֹיסְגֶעמֶעקְט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ שְׁמוֹת רַבָּה יט, ד) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (אִיּוֹב לא, לב): "בַּחוּץ לֹא יָלִין גֵּר"; "אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פּוֹסֵל לִבְרִיָּה, אֶלָּא לַכֹּל הוּא מְקַבֵּל; הַשְּׁעָרִים נִפְתָּחִים בְּכָל שָׁעָה, וְכָל מִי שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ לִכָּנֵס יִכָּנֵס", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְפְט נִישְׁט אַוֶועק קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, דִי טִירְן זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג אָפְן, וֶוער עֶס ווִיל צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען שְׁטֶענְדִיג צוּרִיקְקוּמֶען צוּ אִים. נָאךְ זָאגְן חַזַ"ל (בְּרָכוֹת לד.): "בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִים, אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִים לַעֲמוֹד שָׁם", אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קוּמְט אָן אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ צַדִּיקִים קוּמֶען נִישְׁט אָן; וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַרַיין גֶעכַאפְּט בַּיים ס"מ אוּן רַייסְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דָארְט, עֶר קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בֶּעט יֶעדְן טָאג פַאר דִיר אוּן פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

זָאלְסְט הָאבְּן אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט קְוִויטְל.

...

**דִי כֵּלִי צוּ מְקַבֵּל זַיין אַלֶע בְּרָכוֹת אִיז "שָׁלוֹם".**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

הַיינְט זֹאת חֲנוּכָּה אִיז אַ גְרוֹיסֶע טָאג, הַיינְט קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן גְרוֹיסֶע נִסִּים, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייךְ, פַאר אַייעֶר מַאן אוּן בְּעִיקָר פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער צַדִּיקִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק יח): "מַעֲשֶׂה בְּכֹהֵן אֶחָד שֶׁהָיָה יְרֵא שָׁמַיִם בַּסֵּתֶר", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, "וְהָיוּ לוֹ עֲשָׂרָה בָּנִים מֵאִשָּׁה אַחַת, שִׁשָּׁה זְכָרִים וְאַרְבַּע נְקֵבוֹת", עֶר הָאט גֶעהַאט צֶען קִינְדֶער - זֶעקְס זוּן אוּן פִיר טֶעכְטֶער, "וּבְכָל יוֹם וָיוֹם הָיָה מִתְפַּלֵּל, וּמִשְׁתַּטֵּחַ, וּמִתְחַנֵּן, וּמְבַקֵּשׁ רַחֲמִים, וּמְלַחֵךְ בִּלְשׁוֹנוֹ עָפָר, כְּדֵי שֶׁלֹּא יֵצֵא אֶחָד מֵהֶן לִידֵי עֲבֵירָה וְלִידֵי דְּבַר מְכֹעָר", עֶר פְלֶעגְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אַרָאפְּוַוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן; "אָמְרוּ לֹא יָצְתָה אוֹתָהּ שָׁנָה וְלֹא שֵׁנִית וְלֹא שְׁלִישִׁית, עַד שֶׁבָּא עֶזְרָא וְהֶעֱלָה אֶת יִשְׂרָאֵל מִבָּבֶל, וְהֶעֱלָה אִתּוֹ כֹּהֵן עִמָּהֶם, לֹא נִכְנַס אִתּוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ, עַד שֶׁרָאָה כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים וּפִרְחֵי כְּהוּנָּה מִבָּנָיו וּמִבְּנֵי בָנָיו עַד חֲמִשִּׁים שָׁנָה, וְאַחַר כָּךְ נִכְנַס אוֹתוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ", בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיף צוּ גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט עֶזְרָא הַסּוֹפֵר אוּן אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן כֹּהֲנִים אִינֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. דֶער כֹּהֵן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן דִי עֲבוֹדָה אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

בִּפְרָט הַיינְטִיגֶע טֶעג וָואס עֶס פַאלְן שְׁטִיקֶער פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, פוּן יֶעדֶע שְׁטוּב זֶעט מֶען קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁ'ן וֶועג, עֶס כַאפְּט אַ פַּחַד אוּן אַ שְׁרֶעק צוּ זֶען וִוי פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע מִשְׁפָּחוֹת פַאלְן אַוֶועק קִינְדֶער, בָּחוּרִים דְרֵייעֶן זִיךְ מִיט טֶעלֶעפָאוֹנְס וָואס אִיז אָפְן צוּ אַלֶע עֲבֵירוֹת, מֶען קוּקְט אוֹיף דֶעם עֲבֵירוֹת, מֵיידְלֶעךְ וַוארְפְן אַרָאפּ פוּן זִיךְ צְנִיעוּת, זֵיי גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן נִישְׁט אֵיידֶל הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דַארְפְן מִיר וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת זֵיי זָאלְן בְּלַייבְּן אוֹיפְ'ן דֶרֶךְ הַתּוֹרָה.

הַיינְט זֹאת חֲנוּכָּה אִיז אַ טָאג וָואס מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת, אָבֶער מִיר דַארְפְן

מַאכְן אַ כֵּלִי צוּ קֶענֶען נֶעמֶען דִי בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אִים הֶעלְפְן אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט קַיין כֵּלִי צוּ קֶענֶען נֶעמֶען דִי בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת. דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט בֶּעטְן עֶר וִויל טְרִינְקֶען עֶר אִיז דוּרְשְׁטֶערִיג, אָבֶּער אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין כֵּלִי קֶען מֶען אִים נִישְׁט גֶעבְּן קַיין טְרִינְקֶען, וָואס אִיז דִי כֵּלִי? חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עוּקְצִין ג, יב): "לֹא מָצָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלִי מַחֲזִיק בְּרָכָה לְיִשְׂרָאֵל אֶלָּא הַשָּׁלוֹם", בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער זַאךְ שָׁלוֹם; שָׁלוֹם אִיז דִי כֵּלִי וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְלַאנְגְט פוּן אוּנְז. אַז מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם הָאט מֶען אַ כֵּלִי לְקַבֵּל אַלֶע בְּרָכוֹת, אַז מֶען בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער, מֶען גֶעבְּט נָאךְ, מֶען אִיז מְוַותֵּר מַאכְט מֶען זִיךְ אַ גְרוֹיסֶע כֵּלִי מֶען קֶען נֶעמֶען אָן אַ שִׁיעוּר בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וָואס מֵיינְט שָׁלוֹם? זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן פ): "שֶׁמְּחַבֵּר תְּרֵי הֲפָכִים", וֶוען מֶען שְׁטֶעלְט צוּזַאמֶען צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן - דָאס אִיז שָׁלוֹם, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב כה, ב): "עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בִּמְרוֹמָיו", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שָׁלוֹם אִין הִימְל צְווִישְׁן דִי מַלְאָכִים פוּן פֵייעֶר אוּן דִי מַלְאָכִים פוּן וַואסֶער, "שֶׁהֵם תְּרֵי הֲפָכִים - כִּי מַיִם מְכַבֶּה אֵשׁ", זֵיי זֶענֶען צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן, וַוייל וַואסֶער לֶעשְׁט אוֹיס פֵייעֶר, "וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בֵּינֵיהֶם וּמְחַבְּרָם יַחַד", גֵייט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן מַאכְט שָׁלוֹם צְווִישְׁן זֵיי אוּן עֶר בַּאהֶעפְט זֵיי צוּזַאמֶען.

זֶעט מֶען וָואס מֵיינְט שָׁלוֹם, מֶען אִיז מְחַבֵּר צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן; יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיינֶע נַאטוּרְן, זַיין וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר טְרַאכְט, קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט וִוי דֶער צְוֵוייטֶער, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין לח.): "לְהַגִּיד גְּדוּלָּתוֹ שֶׁל מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, שֶׁאָדָם טוֹבֵעַ כַּמָּה מַטְבְּעוֹת בְּחוֹתָם אֶחָד וְכוּלָּן דּוֹמִין זֶה לָזֶה, אֲבָל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא טוֹבֵעַ כָּל אָדָם בְּחוֹתָמוֹ שֶׁל אָדָם הָרִאשׁוֹן וְאֵין אֶחָד מֵהֶן דּוֹמֶה לַחֲבֵירוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אַ זַאךְ, קֶען עֶר מַאכְן אַ פָּארֶעם דֶערְפוּן אוּן נוּצְן דֶעם פָּארֶעם נָאכְצוּמַאכְן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אוּן אַלֶעס וָואס עֶר מַאכְט מִיט דֶעם פָּארֶעם זֶעט אוֹיס דִי זֶעלְבֶּע, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַאפְן אָן אַ שִׁיעוּר מֶענְטְשְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַלֶע זֶעעֶן אוֹיס וִוי אָדָם הָרִאשׁוֹן אָבֶּער קַיין אֵיינֶער זֶעט נִישְׁט אוֹיס גֶענוֹי וִוי דֶער אַנְדֶערֶער אוּן זִיכֶער טְרַאכְט נִישְׁט אֵיינֶער וִוי דֶער צְוֵוייטֶער.

בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, מַאכְטְס אַייךְ אַ כֵּלִי צוּ קֶענֶען נֶעמֶען דִי בְּרָכוֹת פוּנֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶעבְּטְס בְּשָׁלוֹם מִיט אַייעֶר מַאן, אֲפִילוּ עֶר הָאט פַּארְקֶערְטֶע נַאטוּרְן פוּן אַייךְ, עֶר אִיז פַייעֶר אוּן אִיר זֶענְט וַואסֶער, אָדֶער פַּארְקֶערְט - אִיר זֶענְט פַייעֶר אוּן עֶר אִיז וַואסֶער, שָׁלוֹם אִיז וֶוען עֶס אִיז דָא צְוַויי פַּארְקֶערְטֶע מֶענְטְשְׁן מִיט פַּארְקֶערְטֶע נַאטוּרְן אָבֶּער בֵּיידֶע ווילְן אֵיין זַאךְ, בֵּיידֶע ווילְן טוּן דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם, אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב, עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, קִינְדֶער אוּן קִינְדְ׳ס קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִינֶען דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט קְוִויטְל.

...

## פַארְוָואס קָאסְט דֶער שַׁבָּת אַסַאךְ גֶעלְט?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

דִי אַלֶע וָואס טַעֲנָה׳ן אַז דֶער שַׁבָּת קָאסְט אַסַאךְ גֶעלְט, ״הֲיִתָּכֵן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט אַזוֹיפִיל מֶען זָאל שְׁפָּארְן גֶעלְט, וָואס גֵייט דָא פָּאר וְכוּ׳ וְכוּ׳?״ אִיר דַארְפְט אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין אַז דָאס אִיז נִישְׁט וָואס בַּאדֶערְט זֵיי בֶּאֱמֶת, עֶס בַּאדֶערְט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וְכוּ׳, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט זָאגְן אָפְן וָואס בַּאדֶערְט זֵיי, אַז זֵיי וֶועלְן זָאגְן זֵייעֶרֶע טַעֲנוֹת וֶועט מֶען זֵיי נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן; עֶס אִיז דָא אַסַאךְ צוּ רֶעדְן דֶערְוֶועגְן וְכוּ׳.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן דִי טוֹבוֹת וָואס אִיר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן דֶעם הֵיילִיגְן פְּלַאץ אוּן וָואס אִיר בַּאקוּמְט נָאךְ אַלְץ. אַז אִיר הָאט בֶּאֱמֶת נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ קוּמֶען וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט זַיין בְּרוֹגֶז אַז אִיר קוּמְט נִישְׁט, אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ אַייךְ, נֶעמְטְ׳ס נִישְׁט קַיין טֵייל מִיט דִי וְכוּ׳.

אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טַייעֶרֶע זוּן אוּן טַייעֶרֶע אֵיידֶעמֶער פוּן דֶעם הֵיילִיגְן יְשִׁיבָה, אַז אִיר וֶועט וַוייטֶער שֶׁעצְן דֶעם פְּלַאץ אוּן גֶעדֶענְקֶען וָואס אִיר בַּאקוּמְט דָא, וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ חֲתוּנָּה מַאכְן אַלֶע קִינְדֶער אוּן הָאבְּן נַחַת פוּן זֵיי.

...

## דֶער רֶבִּי זָאל דִיר זַיין אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין הַארֶץ.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶע צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ שִׂיחוֹת הָרַ״ן אוּן חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן; דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן זָאל דִיר זַיין מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן אוּן וָואס דוּ וֶועסְט טוּן זָאלְסְטוּ לֶעבְּן מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן.

מוֹהֲרָא״ש הָאט דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז מֶען הָאט אִים אַמָאל גֶעפְרֶעגְט וִויפִיל תַּלְמִידִים עֶר הָאט, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צֵיילְן: ״אֵיינְס, צְוֵויי״, אוּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט דִי נֶעמֶען בִּיז דְרַייצְן תַּלְמִידִים, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: ״עַד כַּאן? דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ טוֹיזְנְטֶער תַּלְמִידִים?!״ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זי״ע גֶעזָאגְט: ״אַ תַּלְמִיד אִיז אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט מִיט זַיין רֶבִּי, עֶסְט מִיט זַיין רֶבִּי, שְׁלָאפְט מִיט זַיין רֶבִּי, גֵייט מִיט זַיין רֶבִּי אוּן שְׁפַּאצִירְט מִיט זַיין רֶבִּי; אַלֶעס וָואס עֶר טוּט טוּט עֶר מִיט זַיין רֶבִּי, אִיךְ הָאבּ דְרַייצְן תַּלְמִידִים וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז גֶעקְנִיפְּט אוּן גֶעבִּינְדְן מִיט מִיר״.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״אִיךְ הָאבּ דְרֵיי כִּיתּוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען צוּ מִיר, אֵיין כִּתָּה וָואס הָאבְּן לִיבּ מַיין תּוֹרָה, אֵיין כִּתָּה וָואס קוּמֶען עֶסְן קוּילִיטְשׁ אוּן אַ דְרִיטֶע כִּתָּה וָואס אִיךְ בִּין אַיינְגֶעקְרִיצְט בַּיי זֵיי אִין הַארְצְן״.

בְּנוֹגֵעַ ״שַׁבַּת הִתְוַעֲדוּת – שַׁבַּת סִיּוּם הַשַּׁ״ס״; אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן אַז דוּ שְׁפִּירְסְט נִישְׁט בַּאקְוֶועם וְכוּ׳ זָאלְסְטוּ טוּן וִוי אַזוֹי דוּ פַארְשְׁטֵייסְט; אִיךְ וֶועל דִיר וַוייטֶער מְחַזֵּק זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע מַצָּבִים.

...

## זַיי זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט אַ גוּטֶער חָבֵר.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ זוּכְסְט אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט אַנְדֶערֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קו): "אִם לֹא יָכוֹל בְּעַצְמוֹ לָבוֹא לְגַדְלוּת הַמֹּחִין עֵצָה לָזֶה, שֶׁיַּשְׂכִּיל אֲחֵרִים וְעַל יְדֵי זֶה נִתְעוֹרֵר גַּם אֶצְלוֹ", וֶוען מֶען אִיז מְחַזֵּק אַ צְוֵוייטְן וֶוערְט מֶען אַלֵיינְס מְחוּזָּק, חוּץ מִזֶּה וָואס מֶען הָאט אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן מְחַזֵּק זַיין נָאךְ אַנְדֶערֶע אוּן מֶען וֶוערְט זֵייעֶר שְׁטַארְק.

זוּךְ אוֹיף צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַ גוּטֶער חָבֵר אוּן זַיי זִיךְ מְחַזֵּק מִיט אִים, דוּ זָאלְסְט אִים מְחַזֵּק זַיין אוּן עֶר וֶועט דִיר מְחַזֵּק זַיין. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ד, ט-י): "טוֹבִים הַשְּׁנַיִם מִן הָאֶחָד אֲשֶׁר יֵשׁ לָהֶם שָׂכָר טוֹב בַּעֲמָלָם", עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ חָבֵר ווִי צוּ זַיין אֵיינֶער אַלֵיין, "כִּי אִם יִפֹּלוּ הָאֶחָד יָקִים אֶת חֲבֵרוֹ, וְאִילוּ הָאֶחָד שֶׁיִּפּוֹל וְאֵין שֵׁנִי לַהֲקִימוֹ", וַוייל אַז מֶען פַאלְט אַרָאפּ וֶוען מֶען אִיז אַלֵיין אִיז נִישְׁט דָא וֶוער עֶס זָאל אִים הֶעלְפְן זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, אָבֶּער אַז מֶען הָאט אַ חָבֵר קֶען דֶער חָבֵר אִים הֶעלְפְן זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט אַ גוּטֶער חָבֵר, דִי עִיקַר דִיבּוּרִים זָאלְן זַיין פוּן אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה, אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן דִי שְׁטַארְקֵייט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דַארְפְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע פְרֵייד אַז דֶעם קוּמֶענְדִיגְן שַׁבָּת פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ וֶועלְן מִיר זִיךְ צוּזַאמְנֶעמֶען אַלֶע תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה פְּרַאוֶועןְ אַ "שַׁבָּת סִיּוּם הַשַּׁ"ס" אוּן אַ "שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה"; מִיר וֶועלְן פַייעֶרְן צוּזַאמֶען דֶעם סִיּוּם הַשַּׁ"ס וָואס מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בְּמֶשֶׁךְ דִי פַארְלָאפֶענֶע זִיבְּן יָאר. אִיךְ קוּק זֵייעֶר אַרוֹיס אוֹיף דֶעם שַׁבָּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע חֲבֵרִים; דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (נָשֹׂא קכח.) רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי הָאט

גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: "אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא", אוּנְזֶער זַאךְ אִיז אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ לִיבּ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן; רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז מֶען זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, מוֹהַרָא"שׁ זָאגְט אוֹיף דֶעם אַ שֵׁיינֶעם רֶמֶז: אֲ'נָ'ן' אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: "אַ'נְשֵׁי נַ'חַל נ'וֹבֵעַ - בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא", אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דַארְפְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בַּיי אוּנְז זָאל מְקוּיָם וֶוערְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצב): "הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ", דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט וָואס וֶועט הֶערְשְׁן צְוִוישְׁן אַייךְ.

אִיךְ הָאף דִיר צוּ זֶען שַׁבָּת.

...

**דִי בְּלַאט גְמָרָא וֶועט דִיר גֶעבְּן לֶעבְּן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן זוּנְטָאג פַּרְשַׁת וַיְחִי הֵייבְּן מִיר אָן נָאכְאַמָאל לֶערְנֶען שַׁ"ס כְּסִדְרָן, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר מַיין טֵייעֶרֶער ..., הֵייבּ אָן שַׁ"ס, כַאפּ זִיךְ מִיט מִיטְ'ן סֵדֶר וָואס מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דִי בְּלַאט גְמָרָא וֶועט דִיר גֶעבְּן, עֶס וֶועט דִיר גֶעבְּן לֶעבְּן, דוּ וֶועסְט זַיין אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, דוּ וֶועסְט זַיין אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ.

אַ בְּלַאט גְמָרָא וַואשְׁט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן טוּן שְׁלֶעכְטְס; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ לִילִית, עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", תַּלְמוּד בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע ווִי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית.

... נֵרוֹ יָאִיר אִיךְ בֶּעט דִיר פוּן מַיין הַארְץ, הֵייבּ הַיינְט אָן לֶערְנֶען דֶעם הַיינְטִיגְן בְּלַאט, מַסֶּכֶת נִדָּה דַף ע, מִיר הָאבְּן נָאךְ דְרֵיי בְּלַאט צוּ עֶנְדִיגְן דִי מַסֶּכְתָּא, שַׁבָּת זֶענֶען מִיר מְסַיֵּים שַׁ"ס אוּן זוּנְטָאג וֶועלְן מִיר אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל שַׁ"ס אִם יִרְצֶה ה'. אִיךְ

שְׁרַייבּ דִיר דֶעם בְּרִיוועלֶע פוּן מַיין הַארְץ, וַוייל דוּ בִּיסְט מִיר אִין מַיין הַארְץ, דוּ בִּיסְט מִיר אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין דִי טִיפֶענִישׁ פוּן מַיין הַארְץ, אִיךְ ווִיל נָאר זֶען גוּטְס בַּיי דִיר.

...

## הֵייבּ אָן לֶערְנֶען שַׁ״ס.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד׳ טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַיין הַארְץ אִיז פוּל מִיט פְרֵייד, מֶען שְׁפִּירְט אִין דִי לוּפְט דִי שִׂמְחָה אַז מֶען גֵייט זוֹכֶה זַיין שַׁבָּת צוּ מְסַיֵּים זַיין גַאנְץ שַׁ״ס.

מָה אָשִׁיב לַה׳ כָּל תַּגְמְלוּהִי עָלָי, וָואס קֶענֶען מִיר בַּאצָאלְן פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז, אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אוּנְז, עֶר נֶעמְט אוּנְז אַרוֹיס פוּן אוּנְזֶער בְּלָאטֶע, פוּן אוּנְזֶער קַטְנוּת; עֶר לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ אוּנְז מִיר זָאלְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען, מֶען זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן גְמָרָא (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו).

אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען שַׁ״ס; מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא, אִם יִרְצֶה ה׳ דֶעם קוּמֶענְדִיגְן וָואךְ, זוּנְטָאג פַּרְשַׁת וַיְחִי הֵייבְּן מִיר אָן נָאכְאַמָאל שַׁ״ס, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז גֶעבְּן לֶעבְּן וֶועלְן מִיר אִין זִיבְּן יָאר אַרוּם זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן שַׁ״ס; אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט אִיז מֶען זוֹכֶה בִּיז זִיבְּן יָאר צוּ קוֹנֶה זַיין דִי גַאנְצֶע שַׁ״ס.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע וָוארְט פוּן ר׳ יִצְחָק זָאל זַיין גֶעזוּנְט, דִי תּוֹרָה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית כט, יח): "וַיֶּאֱהַב יַעֲקֹב אֶת רָחֵל, וַיֹּאמֶר אֶעֱבָדְךָ שֶׁבַע שָׁנִים בְּרָחֵל בִּתְּךָ הַקְּטַנָּה", יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט לִיבּ גֶעהַאט רָחֵל, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אִיךְ וֶועל אַרְבֶּעטְן פַאר אִיר זִיבְּן יָאר; רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, הֲלָכָה ה, אוֹת כט): "רָחֵל זֶה בְּחִינַת תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתַב רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּסִימָן יב בְּהַתּוֹרָה 'תְּהִלָּה לְדָוִד'", תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה רוּפְט מֶען אָן מִיטְ׳ן נָאמֶען "רָחֵל", הָאט רֶבִּי יִצְחָק גֶעטַייטְשְׁט, יַעֲקֹב אָבִינוּ, דָאס אִיז יֶעדֶער אִיד - הָאט לִיבּ דִי תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה, מֶען ווִיל לֶערְנֶען

שַׁ"ס, "וַיֹּאמֶר אֶעֱבָדְךָ שֶׁבַע שָׁנִים בְּרָחֵל", אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, בִּיז זִיבְּן יָאר אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען רָחֵל - תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה.

הֵייבּ הַיינְט אָן מַסֶכֶת נִדָּה דַף ע אַזוֹי וֶועסְטוּ אָנְהֵייבְּן זוּנְטָאג שַׁ"ס.

...

**נָאר תּוֹרָה וֶועט דִיר מַאכְן שְׁפִּירְן צוּפְרִידְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פַארְשַׁאף זִיךְ אַ גְמָרָא מַסֶכֶת בְּרָכוֹת; הַיינְט אִיז דָא הֶערְלִיכֶע גְמָרוֹת "עוֹז וְהָדָר" מְנֻקָּד, אַ גֶעפִּינְטְלְטֶע שַׁ"ס מִיט הֶערְלִיכֶע אוֹתִיוֹת. אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן שַׁ"ס, דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט קוֹיפְן אַ גַאנְצֶע שַׁ"ס אוֹיף אֵיינְמָאל, קֶענְסְט קוֹיפְן צוּבִּיסְלִיךְ, יֶעדֶע מַסֶכְתָּא בַּאזוּנְדֶער.

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן, דוּ מֵיינְסְט אַז דָאס וֶועט דִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן אָדֶער יֶענְץ וֶועט דִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, דוּ טְרַאכְסְט אוֹיבּ דוּ וֶועסְט הָאבְּן ... וֶועסְטוּ שׁוֹין זַיין צוּפְרִידְן, אָבֶּער אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן דֶעם אֱמֶת, צוּפְרִידְן וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין נָאר אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען תּוֹרָה, אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה דַארְף אֵיין זַאךְ: "תּוֹרָה"; אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה וֶוערְט נִישְׁט זַאט פוּן גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט, נִישְׁט גֶעלְט וֶועט דִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, גָארְנִישְׁט וֶועט דִיר בַּאפְרִידִיגְן נָאר לֶערְנֶען תּוֹרָה.

אִיךְ וַוארְט דוּ זָאלְסְט מִיר מוֹדִיעַ זַיין אוֹיבּ דוּ הֵייבְּסְט אָן שַׁ"ס כְּסִדְרָן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן וָואךְ זוּנְטָאג פַּרְשַׁת וַיְחִי.

...

**אִיךְ קֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן שַׁ"ס.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ עֶנְדִיגְן שַׁ״ס, נָאךְ זִיבְּן יָאר לֶערְנֶען טָאג נָאךְ טָאג אַ בְּלַאט הַאלְטְן מִיר דָא, מֶען גֵייט מְסַיֵּים זַיין שַׁ״ס.

מַיין הַארץ אִיז אָנְגֶעפוּלְט מִיט לוֹיבּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מַיין נְשָׁמָה אוּן מִיר אַנְטְפְּלֶעקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען בִּזְכוּת חִינָם צוּ גֶעפִינֶען דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי׳ן (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו), עֶר הָאט מִיר גֶעוִויזְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי אִיךְ קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶע קֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן שַׁ״ס.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין טַייעֶרֶער חָבֵר ..., כַאפּ זִיךְ אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן וָואגְן אוּן הֵייבּ אָן שַׁ״ס, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא, יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען לְכָל הַפָּחוֹת אַ בְּלַאט גְמָרָא. דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק, דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין דִיר אוּן עֶר הָאט דִיר גוּט אַרַיין גֶעכַאפְּט אִין זַיין נֶעץ, דוּ לִיגְסְט אִין עֲבֵירוֹת, דוּ קוּקְסְט נאוּף רַחְמָנָא לִצְלַן אוּן דוּ פַאלְסְט אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לְשֵׁיזְבָן, עֶס אִיז פַארְמַאכְט פַאר דִיר אַלֶע טִירְן, דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ וִוי אַ פַארְלוֹירֶענֶער, אָבֶער עֶס אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דִי טוּמְאָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן יא): וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פַּרְעֹה בֶּעטְן עֶר זָאל אַרוֹיס שִׁיקְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל זֵיי גֶעבְּן דִי תּוֹרָה בַּיים בַּארְג סִינַי, הָאבְּן אִים דִי כִּישׁוּף מַאכֶער׳ס גֶעפְרֶעגְט: ״תֶּבֶן אַתָּה מַכְנִיס לַעֲפָרַיִם?״ דוּ ווִילְסְט נֶעמֶען אִידְן וָואס זֶענֶען עֲפָרַיִם אַזוֹי ווִי עֶרְד - אוֹיף זֵייעֶר אַ נִידֶערִיגֶע מַדְרֵיגָה, אוּן אִין זֵיי ווִילְסְטוּ אַרַיין בְּרֶענְגֶען ׳תֶּבֶן׳ - גֶעטְלִיכְקֵייט?! הָאט זֵיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אָמְרֵי אֱנָשֵׁי: לְמָתָא יַרְקָא, יַרְקָא שְׁקֵל״, עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: ״יָא, מֶען קֶען נֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ עֶר אִיז טִיף אִין דֶער עֶרְד; עֶר לִיגְט אִין בְּלָאטֶע, עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת, עֶר אִיז בֶּאֱמֶת אַ שְׁטִיק ׳עָפָר׳ אוּן אִים צוּ בְּרֶענְגֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת״, אוֹיבּ וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ אָנְהֵייבְּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, ״אָמְרֵי אֱנָשֵׁי״ - זָאגְן אוּן זָאגְן בְּלֶעטֶער גְמָרָא, זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, ״יַרְקָא״ אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן תְּשׁוּבָה, עַיֵּין שָׁם.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר נֶעם יֶעצְט אַ גְמָרָא, הַיינְט אִיז דֶער דַף מַסֶכֶת נִדָּה דַף ע, אוּן לֶערְן דֶעם דַף; אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט קַיין אֵיין וָוארְט זָאג דִי וֶוערְטֶער, דֶער רֶבִּי זָאגְט בְּפֵירוּשׁ (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו): ״שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין״, מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, מֶען

דַארְף נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן צוּם סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר וַהֲדַר לִסְבּוֹר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", וַוייל דָאס לֶערְנֶען אַלֵיינְס אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעם, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין.

אִיךְ וַוארְט דִיר צוּ זֶען שַׁבָּת בַּיים שַׁבָּת סִיּוּם הַשַּׁ"ס.

...